# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 140 - Autumn 2002 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/39m6n0bs

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 140(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
2002

**Copyright Information**
Copyright 2002 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 140

האַרבסט
תשס"ג

AUTUMN
2002

# אינהאַלט


מ. שקליאַר: ליד....3

מ. וואָלף: רמב"ם / אייניקע שטריכן פון זיין לעבן און שאַפן....4

ל. מייזנער: פון היינטיקע שפּאַצירן צו נעכטיקע טעג....12

צ. אייזנמאַן: לידער....16

מ. שקליאַר: צו דער 20־סטער יאָרצייט פון משה שולשטיין ז"ל....18

פּ. פלאָטקין: לידער....29

מ. אייזענבוד: דער זין פון זיין (דערציילונג)....31

מ. בן שלמה זאב: אלישבע כהן־צדק - איר שאַפן און לעבנס־וועג....35

א. כהן־צדק: דער פרילינג....42

י. לעווין: ווינטער־זכרון (פּאָעמע)....49

א. שפּירא: דער גבאי ר' עלע (דערציילונג)....52

ל. באָראָוויק: ליד....59

ט. פּערטשוק: איך טראָג אין מיין זיכרון....60

ע. פישבין: דער משנה מקום... פון חיים סוטין....63

ג. סלוצקי־קאהן: ליד....66

א.ביידער: מענטשן דערציילן....67

* אָנגעקומען אין רעדאַקציע....69

נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב....70

* אַוועק יעקב שייפער....71

באַגריסונגען....72



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER**, **J. SHAFER** & **Z. MALEVITZ**

# חשבון
נומ. 140

פּעריאָדישע שריפט
פֿאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

פֿאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פֿינ. סעקר.
צבי הירש, פֿאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפֿער

57־ער יאָרגאַנג, נומער 140 • האַרבסט 2002 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפֿ.


# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן,**

**לייענער און מיטאַרבעטער**

**ווינטשן מיר אַ יאָר פֿון געזונט,**

**גליק און שלום.**

***רעדאַקציע און פֿאַרוואַלטונג פֿון "חשבון"***

משה שקליאַר

## יידישע ווערטער

די יידישע ווערטער –
זיי פֿינקלען נאָך אַלץ.
ווי שטערנדלעך ווייטע,
ווי קערנדלעך זאַלץ
וואָס נערן דעם גוף;
ווי שטראַלן פֿון זון,
ווי רייניקע לופֿט –
און ער ווייסט נישט דערפֿון.

די יידישע ווערטער –
זיי טרייסטן נאָך אַלץ,
און ווו נאָר געהערטע
זיי גרייכן צום האַרץ.
ווי שטענדיק באַגערטע
זיי וועקן צו שווונג,
די יידישע ווערטער –
אייביק און יונג!

די יידישע ווערטער –
ווי קערנער ביים שניט
איך קלייב זיי און צערטל
און פֿרווו זיי אין ליד.
פֿון שוואַרצערד זיי קומען,
ווי ברויט און ווי ווייַן,
זיי ווילן נישט שטומען,
און נישט פֿאַרגיין...

משה וואָלף

# רמב"ם (רבינו משה בן מימון) –
# אייניקע שטריכן פון זיין לעבן און שאַפן

## א.

"אַמאָל האָט אַ צעדערבוים שטאַרק מיך פאַרוווּנדערט.:
אויף ניס זיינע וואָרט ער אַ גאַנץ יאָרהונדערט.
"כ'פאַרשטיי איצט – עס קאָן אַמאָל ליב זיין דאָס וואַרטן,
געדולדיק כ'וואַרט אויף אַ גוואַלדיק געגאַרטן".
(דאָרע כייקינע, "די יידישע גאַס", 1995, נומ 2. ז'192)



מיט יראַת הכבוד שטעל איך דאָ פאַר עטלעכע איבערלעבונגען און פאַרצייכענונגען, פאַרבונדענע מיט דער מימון־טעמע, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין מיין באַוווסטזיין (און אפשר אויך אין מיין אונטערבאַוווסזיין) פאַר די לעצטע 60 יאָרן פון מיין לעבן.

די ערשטע עלעמענטאַרע ידיעות וועגן דעם רמב"ם האָב איך באַקומען אין די יונגע לערן־יאָרן. דעמאָלט, אָבער, זייענדיק שוין באַקאַנט מיט תנך, רשי, גמרא, און תוספות. בין איך פון דעסטוועגן ניט געווען מסוגל צו פאַרשטיין די תורה "ממשה עד משה", אַ חוץ דרך־ארץ און שטאָלץ, וואָס די לערערס האָבן איינגעפלאַנצט אין אונדזערע קינדערישע הערצער, האָט זי קיין גרויסן רושם אויף מיר נישט געמאַכט.

אַן אומדערוואַרטענעם אימפּולס צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם געניאַלן רמב"ם פונעם 12־טן י"ה. האָב איך באַקומען אַ סך יאָרן שפּעטער, אין אומשטענדן, וועלכע זענען געווען ביז גאָר פרעמד צו אונדזער עבר און צו יידישע ווערטן, בכלל. געווען איז דאָס אין דעם גרויזאַמען מלחמה־יאָר 1942, בעת דעם אַרויסלאָז־עקזאַמען אין סטאַלינגראַדער מעדיצינישן אינסטיטוט. נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעגעבן אַן אויספירלעכן ענטפער אויף דער פראַגע, "היפּאָקראַטס מעדיצינישע שבועה", – האָט דער פּראָרעקטאָר, פּראָפעסאָר טביה דאַווידאָוויטש עפּשטיין (ע"ה און זצ"ל), זיך פלוצעם אָנגעבויגן צו מיר און בלחש אַרינגערוימט אין אויער (אויף רוסיש, פאַרשטייט זיך) – "און מיט מיימאָנידס מעדיצינישער שבועה ביסטו באַקאַנט"?

מיט פאַרוווּנדערונג, און בושה האָב איך מיט אַ קאָפּ־שאָקל געענטפערט – "ניין"! פון דעמאָלט זענען פאַרלאָפן צענדליקער יאָרן. פון צייט צו צייט האָב איך גענישטערט די ביבליאָגראַפיע, פאַרשידענע ענציקלאָפעדיעס און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע מקורים, און די דאָזיקע שבועה האָב איך נישט געפונען. עס האָט זיך, אָבער, אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ ביז גאָר רייכע ליטעראַטור (אין העברעיש, ענגליש, פּויליש און אַפילו אין רוסיש) וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דעם גרויסן יידישן גאון, רבינו משה בן מימון פון קאָרדאָווע (שפּאַניע), וועלכן די אַראַבישע היסטאָריקער האָלטן פאַר זייערן (אַראַבישן) פילאָזאָף.

דעם צווייטן שטויס, וואָס האָט מיך באַווירקט זיך פֿאַרנעמען מיט דעם רמב"ם, האָב איך באַקומען, זייענדיק אין ארץ ישראל (1994) - אין לאַנד, אין וועלכן ס'געפֿינט זיך זיין קבר, און צענדליקער אַנשטאַלטן (ישיבות, שולן, שילן, שפּיטאָלן א"א) טראָגן זיין הייליקן נאָמען. צו מיין ביטערן וווּנדער, האָט ביז גאָר אַ קליינע צאָל מענטשן (אַ חוץ רבנים, געלערנטע, שרייבער, היסטאָריקער און ליטעראַטור-פֿאָרשער), געוווּסט וועגן דעם רמבמ'ס לעבן און שאַפֿן. אויך דאָ, אין אַמעריקע, אין וועלכער עס פֿונקציאָנירן די זעלבע אַנשטאַלטן (אין מיין וווינשטאָט פּירט אַ פֿאַרצווייגטע אַרבעט דער מעדיצינישער קולטור-קלוב אויף דעם רמבמ'ס נאָמען) חזרט זיך איבער דער דאָזיקער אומוויסן און דער געפֿאַלענער אינטערעס פֿון די ברייטע לייענער-מאַסן צו זיין פּערזענלעכקייט. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך שוין אָנגעהויבן צו צווייפֿלען, צי וועט פֿאַרן היינטצייטיקן יידיש-לייענער זיין אינטערעסאַנט זיך אומקערן צו די מיטלעלטער-קוואַלן פֿון יידישער חכמה און וויסנשאַפֿט.

דערמונטערט האָבן מיך אייניקע פֿריינד מיינע[1]. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך באַקומען "משה מיימונ'ס מעדיצינישע ענציקלאָפּעדיע" פֿון דירעקטאָר פֿון ניו-יאָרקער "הר סיני, קווינס שפּיטאָל", פּראָפֿעסאָר פֿרעד ראָזנער

(Medical Encyclopedia of Moses Maimonides / by Fred Rosner, Northvale, News Jedrusalem Jersey, 1998, 261 pages)

דאָס בוך, וואָס אַנטהאַלט אַן ערך 400 מעדיצינישע אָנרופֿן, די אוניווערסאַלקייט פֿון דעם רמבמ'ס וויסן, - אָנווייזונגען אויף מעדיצינישע פּאַראַגראַפֿן אין תלמוד, זיינע אָריגינעלע אָנשויונגען אין די סיבות פֿון. פֿאַרשיידענע קראַנקהייטן און אין דער חכמת הרפואה (היילונג-לערע), ווי אויך די עטישע פֿאָדערונגען צו דעם דאָקטערס באַציונג בנוגע צו זיינע פּאַציענטן, - רופֿן אַרויס גרויס וווּנדער און פֿאַרערונג. אַ סך פֿון זיי האָבן ניט פֿאַרלוירן זייער ווערט עד היום.

אויף די אינטערנעץ (http://www.fordham.edu/halsal/) האָט געשטיצט מיין אָנשטרענג צו דערגרייכן פּרטימדיקע ידיעות פֿון דעם רמבמ'ס לעבן און שאַפֿן. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דאָס. וואָס צווישן דעם שלל פֿון אַרטיקלען און עסייען האָב איך געפֿונען דעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וועלכע ס'האָט מיר 60 יאָר צוריק אַריינגעשעפּטשעט אין אויער מיין סטאַלינגראַדער פּראָפֿעסאָר, - דעם רמבמ'ס דאָקטוירים-שבועה - (Oath of Maimoniodes)[2]. יאָרן לאַנג פֿלעגן סטודענטן אין די

---

1) מיין האַרצלעכן דאַנק סיד רעזניקן (האַמדען, קאָנעטיקעט) פֿאַר זיין תמידיקער הילף אין נייטיקער ליטעראַטור.

2) און אָט זענען די ווערטער פֿון דער שבועה:

"די אייביקע השגחה האָט באַשטימט איך זאָל היטן דאָס געזונט און לעבן פֿון אַלע בעלי חיים וואָס דו (גאָט) האָסט באַשאַפֿן. זאָל די ליבע צו מיין קונסט מיך שטענדיק סטימולירן; זאָל קיינמאָל נישט גיריקייט נישט קאָרגשאַפֿט, נישט רום-לעכצעניש אָדער שטרעבונג צו רום באַהערשן מיין געדאַנק ווייל די שונאים פֿון אמת און צדקה קאָנען לייכט מיך פֿאַרפֿירן, און באַווירקן איך זאָל פֿאַרגעסן מיין דערהויבענע שליחות צו טון דאָס בעסטע פֿאַר דיינע קינדער. זאָל איך קיינמאָל ניט זען אין מיינע פּאַציענטן גאָרנישט מער, ווי ליידנדיקע באַשעפֿענישן. שענק מיר כוחות, צייט און מעגלעכקייט איך זאָל קאָנען פֿאַרבעסערן אַלע מיינע דערגרייכונגען, שטענדיק פֿאַרברייטערן מיינע קענטענישן, ווייל וויסן האָט נישט קיין מאָס, און דעם מענטשנס גייסט האָט נישט קיין גרענעץ צו פֿאַרגרעסערן זיינע פֿאָדערונגען. היינט קאָן ער אויפֿדעקן זיינע טעותן, וועלכע ער האָט געמאַכט נעכטן,

←

אַראַבישע לענדער בעת דער גראַדויר־צערעמאָניע איינגעשווירן ווערן מיט דער דאָזיקער שבועה.

דאָס אַלץ צוזאַמען, ווי אויך די ביז גאָר קליינע צאָל פאָרשונגען וועגן דעם רמב"ם אין דער יידישער שפּראַך (שאול ספיר, ניו יאָרק, 1935; י. צינבערג, ניו יאָרק, 1949; העשיל קלעפּפיש, "די גאָלדענע קייט", 1985, נומ 116-117, ז"ז 51-62; "די יידישע גאַס", מאָסקווע, ראַמבאַם, שמועסן, 1993, נומ" נומ. 3, 4, 5; 1994, נומ" נומ. 2, 3, 4), גיבן צו מוט און האָפענונג, אַז די אונטן־געבראַכטע שורות וועלן פאַראינטערעסירן דעם יידישן לייענער.

## ב

"וואָס מער דערווייטערסט זיך פון מיר
אַלץ מער וואַקסט אויס מיין באַוונדער.
אַ וועלט אַ גאַנצע רינגלט דיך אַרום
און דו אַליינק בלייבסט באַזונדער".
(גבריאל פרייל, ניו יאָרק)

רבינו משה בן מימון (ראשי תיבות רמב"ם) אָדער מיימאָניד, ווי ער איז באַוווּסט אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, איז געבוירן געוואָרן דעם 14־טן טאָג פון חודש ניסן ד'תתצ"ה – 4895 (דעם 30־טן מערץ 1135). אין קאָרדאָווע (שפּאַניע), אין דער צייט פון דער הערשונג פון די מורן – אין דער עפּאָכע פון יידישן ווילשטאַנד, וועלכער האָט געדויערט אין די מוסעלמענער כאַליפאַטן פון שפּאַניע עטלעכע יאָרהונדערט. אין דער דאָזיקער תקופה האָט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן רעליגיעזן און קולטור־געדאַנק געהאַט די אַריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע.

לאה, משה'ס (און פון נאָך 2 קינדערס – דוד און שפרה) מאַמע האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר שיינהייט, שטילער גוטהאַרציקייט און אין זיך פאַרזיגלטקייט. ביים גיין צו קינד איז זי געשטאָרבן און דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז פאַרבליבן אויף די פּלייצעס פון איר מאַן, רבי מימון בן יוסף. – דעם דיַין און גייסטלעכן פירער – נגיד) פון קאָרדאָווע: ער איז געוואָרן דער דערציער, לערער און מורה דרך פון זיין געניאַלן בכור, דעם קינפטיקן רמב"ם.

וועגן זיינע קינדער־יאָרן איז ביז גאָר ווייניק באַוווּסט. די, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט משה מימונ'ס לעבנס־געשיכטע, הייבן אָן די ביאָגראַפיע פון זיין גאונישער בר־מיצוה דרשה. עס בלייבט אָן איינדרוק, אַז ער האָט קיין "קינדהייט" ניט געהאַט. פון די ערשטע יאָרן, וועגן עס האָט זיך אַנטפּלעקט זיין אויסער געוויינלעכער טאַלאַנט, איז ער פון פרימאָרגן ביז שפּעט נאַכט געווען פאַרנומען מיט לערנען אַ חוץ תנך, גמרא, לשון קודש, אויך מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע און מעדיצין. ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין מאַכטיקן זכרון, שאַרפן אינטעלעקט, מיט זיין עקשנותדיקן שטרעבן צו דערגיין צום עקר הדברים און מיט זיין עמאַציאָנעלער פאַרשלאָסנקייט – קיינער האָט ניט געזען, ער זאָל זיך בייזערן, וויינען אָדער לאַכן. אַפילו אין זיינע שפּעטערדיקע בריוו צו אייגענע קאָן מען ניט געפינען אויסדרוקן פון ליידנשאַפטלעכע געפילן. זיין גלויבן אין גאָט, אין דער תורה און אין דעם מענטשן, איז שטענדיק געווען באַלויכטן נאָר מיט לאָגיק און שכל. זיין צוקונפטיקע פרוי שרה, אַ יונג מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַרליבט

און מאָרגן קאָן ער דערזען אין אַ נייער שיין, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק היינט.

אָ, גאָט, דו האָסט מיך אָוועקגעשטעלט צו וואַכן איבער לעבן און טויט פון אַלץ, וואָס דו האָסט באַשאַפן

איך בין דאָ און בין גרייט אויספילן מיין התחיבות און דינען מיין באַרוף" (איבערזעצונג מ.וו.)

אין אים "פון ערשטן קוק", האָט ער געזען צופעליק נאָר איין מאָל, ווען זי האָט אים באַשיצט פון "אַ שגץ, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אים און געוואָלט אים שלאָגן". אין צענדליקער יאָרן שפּעטער, נאָכפאָלגנדיק דעם טאַטנס עצה און פאַרלאַנג, האָט ער "זיך דערמאָנט אין שרה'ן" וועלכע האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט אים זוכן און בענקען נאָך אים... "און ווען דער גורל האָט זיי ענדלעך צוזאַמענגעבראַכט" האָט ער זי פאַרהיירט[3] (שאול ספּיר, 1935).

ווען משה בן מימון איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, אין טאָג פון זיין בר־מיצוה, אין 1148, האָט די יידן אין שפּאַניע געטראָפן אַ גרויס אומגליק. דאָס לאַנד האָבן פאַרכאַפּט די פאַנאַטיקער פון מוחמדישן גלויבן און זייער אָנפירער אַבד־אַל מומין האָט דערקלערט אַ "הייליקע מלחמה" קעגן אַלע "אומגלויביקע, ער האָט אַרויסגערופן די מנהיגים פון די יידישע קהילות און זיי אָנגעזאָגט: ...אייער צייט פון ווילצושטאַנד אין לאַנד פון מוחמד איז פאַרביי. קלייבט אויס - מוחמדישער גלויבן אָדער טויט". ס'רוב יידן האָבן אויסגעקליבן אַ דריטן וועג - אַנטלויפן. דער דַיָן מימון בן יוסף, ווי טויזנטער אַנדערע יידן, האָט איבערגעלאָזט זיין האָב און גוטס און גענומען וואַנדערן. נאָך 12 יאָר פון נע ונד, אין 1160 האָט די מימון משפחה געפונען אַ מקום מנוחה אין דער שטאָט פעץ (היינטצייטיקע מאַראָקאָ).

די וואַנדער־יאָרן מיט זייערע אומגעהוירע שווערע איבערלעבענישן האָבן געצוווּנגען משה מימון בייטן זיין אויסערלעכן אויסזע (זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ מוסולמעניש בערדל; אָנשטאָט אַ קאַפּאָטע און אַ יאַרמאָלקע - אַן אַראַבישער כאַלאַט און אַ מוסולמענישע טשאַלמע אויפן קאָפּ). זיי האָבן אָבער ניט אָפּגעשוואַכט זיין שפּרודלדיקן ווילן צו פאַרטיפן די קענטעניש אין די מקורים פון יהדות. גיכער פאַרקערט, זיי האָבן פאַרשאַרפט זיין געדאַנק און סטימולירט זיינע שאַפונגס־פעיקייטן.

אין דער דאָזיקע צייט (1164) הויבט אָן דער יונגער גאון שרייבן זיין קאָמענטאַר - פירוש המשנה, און פאַרענדיקט זיין וווּנד־בריוו "איגרת קידוש השם" (וועגן זעלבסט־אָפּפערונג). זיין נאָמען ווערט באַוווּסט אין דער וועלט. ער ווערט דער גייסטלעכער פירער (מגיד) פון די יידן אין מאַראָקאָ. אָבער אין גיכן ווערט ער געמסרט, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט יידישן גלויבן. זיין לעבן דראָט אַ גרויס געפאַר, וואָס צווינגט אים צו אַנטלויפן. אין 1165, נאָך שווערע איבערלעבונגען, ברענגט דאָס ים־שיפל די משפחה מימון קיין ארץ־ישראל. זי באַזעצט זיך אין דער פאַרכאַפּטער דורך די קרייצצוגער שטאָט, עכו. דער שווערער גורל יאָגט זיי ווייטער. אין ירושלים, ניט אויסגעהאַלטן די פאַרפאָלגונגען פון די קריסטן, שטאַרבט דער אַלטער פאָטער מיימון בן יוסף בײדע פאַריתומטע ברידער מיט זייער שוועסטער שיפרה קומען אָן קיין מצרים, ווו אין יענער צייט איז די באַציונג צו יידן געווען ניט קיין פיינטלעכע. זיי באַזעצן זיך אין אַלעקסאַנדריע. די דאגה אויפצוהאַלטן די משפחה און משה'ס ווייטערע בילדונג נעמט אויף זיך דער ייִנגערער ברודער דוד, וועלכער איז געווען אַ רייכער יוועליר־סוחר. אָבער אין גיכן באַקומט רבי משה אַ נייעם קלאַפּ. בעת איינער פון די ים־נסיעות מחמת אַ שטורעם, ווערט דוד דערטרונקען. די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט אויף אַ לאַנגער צייט אָפּגעסמט דעם רמבמ'ס לעבן. אין זיין בריוו צו זיין פריינד רבי יפת פון עכו שרייבט ער:

"איך האָב דורכגעמאַכט אין מיין לעבן זייער פיל צרות, אָבער דער שווערסטער

---

3) שרה'ס אויסערגעוויינלעכע ליבע און איר וועג צום רמב"ם פאַרדינען אַ באַזונדערן עסיי.

קלאַפּ וואָס איך האָב באַקומען איז דער טראַגישער טויט פון מיין טייערן ברודער דוד" (...) "ער האָט מיך איבערגעלאָזן אַ דערשלאָגענעם און אַ צעטומלטן אין אַ פרעמד לאַנד. ער האָט איבערגעלאָזן ביי מיר זיין שיינע קליינע טעכטערל און זיין אלמנה" (...) "און ווען ניט די תורה און חכמה אין וואָס איך בין אַריינגעטאָן און וואָס מאַכט מיך פאַרגעסן אָן מיינע צרות, וואָלט איך קיין כוח ניט געהאַט אַריבערצוטראָגן דעם שווידערלעכן קלאַפּ". (דאָרטן, ז' 333).

דער רמב"ם האָט דערפילט, אַז ער מוז מפרנס זיין די פאַריתומטע משפחה און אויסצאָלן דער ברודער פינאַנציעלע חובות, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט זיינע מסחר־געשעפטן. די אָנפירער פון דער יידישער קהילה אין קאַיראָ האָבן פאַרגעלייגט דעם רמב"ם שכירות פאַר לערנען זיינע פילצאָליקע תלמידים יהדות (תנ"ך, תלמוד און הלכה) און פאַר זיינע לעקציעס, וועלכע פלעגן צוציען טויזנטער צוהערער. נאָר ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער שטיצע, ווייל לויט זיין טיפער איבערצייגונג טאָר מען ניט מאַכן פון דער תורה אַ "קרדום לחפור בו" ("אַ לאָפּאַטע צו גראָבן די ערד מיט איר") דערפאַר האָט ער זיך פאַרנומען מיט היילן ( אַ חוץ אָרימע פאַציענטן, בחינם) רייכע קראַנקע, פון וועמען ער פלעגט באַקומען אַ גרויסן געהאַלט. טאָג און נאַכט איז דער רמב"ם געווען פאַרנומען. איינצייטיק שטודירט ער דעם מענטשנס קערפּער־געבוי, די חכמה הרפואה און פאַרלענגערט דאָס שרייבן פון דעם פירוש המשנה. אין עטלעכע יאָרן אַרום האָט דער קאַירער וויזיר אַלפאַדעל אים איינגעלאַדן מיט דער משפחה צו זיך אין פּאַלאַץ און אָנגעבאָטן צו ווערן זיין הויז־דאָקטער. דער רמב"ם באַזעצט זיך אין אַלטן טייל פון קאַיראָ, פאָסטאַט, און דאָרט פאַרלענגערט ער זיינע פאָרשונגען אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער יידישער רעליגיע, זיין טיפע באַהאַוונטקייט אין שפּראַכן, פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק און דער עיקרשט אין מעדיצין ווערן באַוווּסט אין אַלע מיטל־מזרח־קאַנטן. מימונ'ס לעקציעס און דרשות קומען הערן די גרעסטע אויטאָריטעטן - רבנים, דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און באַרימטע געלערנטע. זיין רום שפּרייזט אַריבער די גרענעצן פון מצרים און דערגרייכט צו דעם גרויסן יידן־שונא, דעם ענגלישן קעניג ריכאַרד, דער "לייב־האַרציקער", וועלכער האָט שווער געליטן פון אַן אומבאַוווּסטער קרענק, נאָך דעם ווען דער רמב"ם האָט אונטעראויגיק זיך באַקאַנט מיט דעם חולה'ס סימפּטאָמען און פּולקאָם אים אויסגעהיילט, בעט דער קעניג ער זאָג ווערן זיין לייב־דאָקטער. דער רמב"ם האָט, אָבער, דעם קעניגס ביטע אָפּגעזאָגט: אין בריוו צום קעניג שרייבט ער:

"צו מיין גרויסן באַדויערן בין איך געצוווּנגען צוריק צו ווייזן זיין מאַיעסטעטס אָנבאָט. די ערשטע סיבה איז, וואָס איך בין אַ ייד, און דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיינע ברידער שרייט צו מיר אַרויס פון דער ערד. איך וויל זיין מאַיעסטעט דערמאָנען, אַז אין דעם טאָג וואָס ער איז געקרוינט געוואָרן, זענען פיל פון מיינע ברידער געטויט געוואָרן" (...) זייער איינציקע זינד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זענען געקומען באַגריסן דעם קעניג און האָבן אים געבראַכט טייערע מתנות" (...) "דער קעניג, אָנשטאָט אויפצונעמען די יידישע פאָרשטייער און זיי באַדאַנקען פאַר זייער געטרייהייט און איבערגעגעבנהייט, האָט ער זיי מיט שאַנדע און דערנידערונג אַרויסגעטריבן און דערצו דערלויבט, אַז מען זאָל זיי ראַבירן און ממיתן" (...) "איך וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן ניט נאָר קעגן מיין פאָלק, נאָר אויך קעגן דער מענטשהייט, ווען איך נעם אָן דעם אָנבאָט פון זיין מאַיעסטעט" (...) איך בין גרייט יעדן צו היילן, אַפילו די שונאים פון מיין

פּאָלק, ווען זיי קומען צו מיר, אָבער צו גיין צו אַזעלכע, וועלכע האָבן אומזיסט און אומנישט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון מיינע ברידער, דאָס וועל איך קיינמאָל ניט טון..."

דער קעניג האָט מיט פאַרשטענדעניש אָנגענומען דעם רמבמ'ס ווירדיקן ענטפער און האָט געבעטן מחילה.

דער אַלגעמיינער פּיעטעט צום רמב"ם וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ער ווערט אויסדערוויילט ווי דער הויפּט־ראַבינער פון דער שטאָט און קאַירער געגנט. זיין השפּעה פאַרשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. פון אַלע תפוצות באַקומט ער פילצאָליקע בריוו מיט פאַרשיידענע שאלות. אויף וועלכע ער שיקט אויסשעפּלעכע תשובות און רעקאָמענדאַציעס, וועלכע פאַרכאַפּן מיט זייער טיפקייט, איבערצייגונג־קראַפט און קלאָרקייט. איינצייטיק שרייבט ער און פאַרענדיקט צוויי מאָנומענטאַלע ווערק, מישנה תורה און מורה נבוכים ("דער וועגווייזער פאַר די בלאָנדזשענדע").

אָפּגעשוואַכט פון פיל אַרבעט און פון שווערע יאָרן מיט צרות און פּלאָגן, אין דעם צוואָנציגסטן טאָג פון חודש טבת תתקס"ה (דעצעמבער 13, 1204) האָט דער רמב"ם אויסגעהויכט זיין נשמה. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם 18־יאָריקן זון, רבי אברהם בן משה בן מימון (1186–1237), וועלכער האָט פאַרלענגערט און פאַרטיידיקט דעם טאַטנס לערע. די יידן פון קאַירא האָבן אויסגעקליבן רבי אַברהמען אַלס זייער הויפּט (נגיד).

אויספילנדיק דעם טאַטנס צוואה, האָט זיין זון אים געבראַכט צו קבורה קיין ארץ ישראל, קיין טבריה, און דאָרטן איז מקבר געוועזן.

ג

"תורה ומצוות, חוקים ומשפטים אותנו למדת"
("וויסן, געבאָטן, געזעצן און גערעכטיקייט האָסטו אונדז געלערנט"
(פון אַ טאָג־טעגלעכער תפילה)

דער גורל פון רמב"ם איז געווען ניט קיין לייכטער. כל־זמן ער האָט געלעבט, האָט מען אים ממש פאַרגעטערט, און מען האָט געהאַלטן אין איין זאָגן: "ממשה עד משה לא קם כמשה" (אַז פון משה רבינו ביז משה בן מימון איז ניט געווען צו אים קיין גלייכן). די ערשטע אויפשריפט אויף זיין מצבה איז געווען: אָדם ולא אָדם, ואם אָדם היית ממלאכי רום אמך הרת או אומרה: לאל בלא אישה ואיש נברא" (אַ מענטש און ניט קיין מענטש, און אויב אַפילו געווען אַ מענטש, איז דיין מאַמע פאַרשוואַנגערט געוואָרן פון אַ מלאך".) דערנאָך האָבן זיינע פאַנאַטישע שונאים אויסגעמעקט די עפּיטאַפיע און זי פאַרביטן מיט צוויי לעסטערנדיקע ווערטער "מוחרם ומין" ("אַריינגעוואָרפענער אין חרם, אפּיקורס")[4].

דער ערשטער פון זיינע צוויי וויכטיקסטע ספרים, דער "מורה נבוכים", איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַראַביש (דערנאָך - פיל מאָל איבערגעזעצט אין לשון־קודש און אין אַ ריי אַנדערע לשונות[5] ער טיילט זיך אויס מיט זיין אַריסטאָקראַטישן כאַראַקטער. אין דעם אַריינפיר (מבוא) דערקלערט דער רמב"ם, אַז דאָס בוך איז באַשטימט נאָר פאַר די יחידי הסגולה ( פאַר דער עליטע) - פאַר די, "וואָס פאַרטיפן זיך אין ענינים פון אמונה און פילאָזאָפיע און שטויסן זיך אָן אין סתירות. פאַר די דאָזיקע "בלאָנדזשענדיקע" וועט

4) איצט זענען די דאָזיקע לעסטערנדיקע 2 ווערטער פאַרביטן מיט אַן אויפשריפט: "פה טמון משה בן מימון מבחר האנושי" ("דאָ ליגט רבינו משה בן מימון, דער אויסדערוויילטער פון דער מענטשהייט")

5) אין 2001 איז אין מאָסקווע דערשינען אַן איבערזעצונג פון דעם בוך אין רוסיש.. (vesti.Mig news)

דער ספר זיין דער וועגווייזער, כדי זיי זאָלן אויסמיידן און ראַטעווען זיך פון בלאָנדזשעניש".

אין דעם "מורה נבוכים" האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די הויפּט־שטריכן פון רמבמ'ס פּסיכישער פּערזענלעכקייט און זיין סתירותדיקן דואַליסטישן (צוויי־פּאַניקן) וועלט־באַנעם – זיין אמונה שלימה אין תנ"ך, אין גאָט – פון איין זייט, און אין אַריסטאָטעלס נאַטורוויסנשאַפט – פון דער צווייטער. דער רמב"ם האָט ניט באַמערקט, אַז די דאָזיקע צוויי שיטות זענען צוויי קאָנטראַווערסאַלע אויסדרוקן פון מענטשלעכן גייסט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס עקזיסטירט נאָר איין אמת, דאָס איז דער שכלדיקער, פילאָסאָפישער אמת. רמב"ם, פונקט ווי אַריסטאָטל. האָט געזען דאָס העכסטע גליק פון מענטשן אין אַקטיוון אינטעלעקט. אָן מינדסטע ספקות, שטרייכט ער אונטער, אַז נאָר דער אַקטיווער שכל קאָן באַנעמען די עקזיסטענץ פון גאָט. מאָראַל איז, לויט זיין מיינונג, – נאָר דער רעזולטאַט פון פּראַקטישן פאַרשטאַנד, פירט אָן מיט דעם מענטשנס ווילן. אויך אין תנ"ך האָט ער געזען נאָר אַ ראַציאָנאַליסטישן אויסדרוק פון אַריסטאָטלס פילאָזאָפיע.

דער רמב"ם, אין ווידערשפּרוך צו דער הויפּט־אידעע פון די תנאים, מיט וועלכער ס'הויבט זיך אָן די משנה סנהדרין "כל ישראל", זאָגט אָפּ דעם פּראָסטן מענטשן אין זיין "חלק לעולם הבא" (אין אומשטערבלעכקייט). רמב"ם האַלט, אַז נאָר "דורך אויספּיינערן דעם מוח אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, ווערט דער פּאָטענציאַלער כוח פון מענטשן אומשטערבלעך. אָבער ביי אַ מענטשן, "וואָס איז ניט צוגעקומען צו קיין פילאָזאָפישן אמת, שטאַרבט אָפּ די נשמה צוזאַמען מיט דעם קערפּער. "אַזאַ מענטש שטאַרבט צוגלייך מיט יעדער ניט־שכלדיקער באַשעפעניש". דער ווייכטיקסטער און העכסטער ציל פון דעם מענטשן אויף דער ערד – לערנט דער רמב"ם – זענען ניט די מאָראַל־עטישע ווערטן, וועלכע ער האָט דערמאָנט, נאָר וויסן און פאַרשן זענען דער תוך פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט. דער רמב"ם האָט אויך פאַרלייקנט די ראָל פון עמאָציאָנעלע פאַקטאָרן און פון דעם פּאָעטישן גייסט, מיט וועלכן ס'איז אַדורכגעוועבט און אָטעמט דער תנ"ך. "די גרויסע, רייכע וועלט פון מענטשלעכע געפילן און עמאָציעס – פּאָעזיע, די גרויסע נחמה־ברענגערקע פון דער מענטשהייט, מיט אירע פאַרכישופדיקע פרעכטיקע קאָלירן, מיט אירע חלומות און אילוזיעס – דאָס אַלץ וואָס גיט שיינקייט און חשיבות דעם מענטשלעכן לעבן – האָט ניט עקזיסטירט פאַר רמבמ'ס קאַלטבלוטיקן שכל" (ווי. י. צינבערג, 1949 ז' 11).

פאַרשטענדלעך, אַז די איבערגערעכנטע (און אויך אַנדערע) אַריסטאָקראַטישע און טרוקענע ראַציאָנאַליסטישע אידעען, האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפן ווידערווילן און אַ פייערדיקע פּאָלעמיק פון דער מערהייט באַרימטע ספרדישע און, באַזונדערס, אַשכנזישע תלמידי־חכמים פון יענער צייט (ראב"ד – אברהם בן דוד פון פּאַשקיירא; רבי שלמה פון מאָנפּעליע, אַשב"א – רבי שלמה בן אדרת; רבי יוסף אַלפאַבאַר, א"א). זיי אַלע האָבן געהאַלטן, אַז דעם רמבמ'ס לערע איז סותר דעם גייסט פון יידישקייט און גראָבט אונטער אירע יסודות, ווייל, לויט דער יידישער אויפפאַסונג, באַשטייט דער געטלעכער עיקר, קודם־כל אין מאָראַלישקייט. דער העכסטער געזעץ פון מאָראַל, – לערנט דער תנ"ך און די חז"ל – איז "מהרו לעשות טוב" – "איילט זיך טון גוטס", צום געמיט פון רמבמ'ס קעגנער איז ליבער דער "סנה" וואָס ברענט אין פייער און ווערט נישט פאַרברענט". מיט דעם שכל הישר איז אוממעגלעך צו פאַרטייטשן פאַרוואָס. און ווי אַזוי דער סנה (דער דאָרן) ווערט ניט פאַרברענט.

פֿאַרסכהכלענדיק די שאַרפֿע קריטיק - קעגן דעם רמב"ם, האָט שמואל דוד לוצאַטו בשעתו אָנגעוויזן, אַז "דער רמב"ם האָט געמיינט צו באַפֿרייען דעם יידישן געדאַנק פֿון פּילפּול-פּלאָנטער. אָבער בעצם האָט ער אונדז אַלעמען פֿאַרשקלאַפֿט צום שכל. דאָס איז די שיטה פֿון אַריסטאָטלס און נישט פֿון יידישקייט" מיט דעם דאָזיקן אויספֿיר איז מסכים ס'רוב שפּעטערדיקע און היינטצייטיקע פֿאָרשער פֿון רמב"ם (אחד-העם, וו.י.צינבערג, העשל קלעפּפֿיש, פּרעד ראָזנער א"אַ.)

* * *

ביז גאָר אַן אַנדערע באַציונג האָט אַרויסגערופֿן צו זיך רמבמ'ס צווייטער ספר "משנה תורה" אָדער "יד החזקה" (די קרעפּטיקע האַנט"), אָנגעשריבן מיט אַ לויטערן סטיל און אין אַ צוגאַנגלעכן, קלאָרן העברעיש, (אויך אַריבערגעפֿירט אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן, אַ ריי פּרקים אין יידיש - זע די אויבן אָנגעוויזענע נומערן פֿון "די יידישע גאַס"). דאָס דאָזיקע מייסטער-ווערק באַשטייט פֿון 14 באַזונדערע אָפּטיילן, אין וועלכע דעם לייענער ווערט צוגעטראָגן דער קאָדעקס פֿון יידנטום, וואָס נעמט אַרום אַלע אַספּעקטן - מענטש און גאָט; מענטש און מיטמענטש; מענטש מיט זיך אַליין - אַ האַנטבוך פֿון אויפֿפֿירונג, און אַ וועגווייזער וויאַזוי דערלייזן אַלע פּראָבלעמען, וואָס קאָנען פֿאַרקומען אין טאָג-טעגלעכן יידישן לעבן. ס'איז אויך וויכטיק צו באַטאָנען, אַז אין דעם דאָזיקן געזעצן-בוך האָט דער רמב"ם אויסגעמיטן דעם גאַנצן פּילפּול-פּלאָנטער און די פּייערדיקע דיספּוטן פֿון די תלמוד-תנאים, דורך וועלכע זיי פֿלעגן קומען צו אַן ענטפֿער אויף האַרבע פּראָבלעמען (אָדער, ניט קומענדיק צו אַ פּשרה, זיך אָפּשטעלן מיט אַ ראשי-תיבות וואָרט - "תיק"ו" ("תשבי יתרץ קשיות ואבעיות" - "משיח וועט אויפֿלייזן אַלע קשיות און פּראָבלעמען"). אין רמבמ'ס געזעצן-בוך איז גאָרנישט פֿאַרפּלאָנטערט - אַלץ איז דוכזעיק-קלאָר.

פֿאַר אונדז, - פֿאַר די יעניגע פֿאַר וועלכע עס זענען נאָך אַלץ טייער (און גילטיק) אונדזערע אַלטע היסטאָרישע קולטור-ווערטן, פֿאַרבלייבט רמבמ'ס משנה-תורה אַ וויכטיקער קוואַל פֿון וויסן, שטרעבונגען און האָפֿענונגען.

אַ באַזונדערן און אַן אַקטועלן ווערט שטעלט מיט זיך פֿאַר דער 14-טער טייל פֿונעם בוך, וועלכן דער פֿאַרפֿאַסער האָט אָנגערופֿן "הלכות מלכים" (געזעצן פֿאַר מלכים" - פֿאַר יידישע אָנפֿירער). אין דעם דאָזיקן אָפּטייל רעדט זיך וועגן דעם ווידער-אויפֿקום פֿון דער יידישער מלוכה אויפֿן באָדן פֿון דעם היסטאָרישן פֿאָטערלאַנד. מיט אַ נביאהשער וויזיע שילדערט דער רמב"ם דאָס בילד פֿון דער צוקונפֿטדיקער יידישער מלוכה און זעט פֿאָרויס אַ קנויל פּראָבלעמען, וועלכע וועלן אויפֿקומען און וועלכע מ'וועט מוזן לייזן. דער רמב"ם פֿאָדערט פֿון די קומענדיקע מנהיגים זיי זאָלן זיין באַשיידן. זיך באַציען מיט אָפּשיי און רחמנות צו קליין און גרויס, זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יעדן וואָרט און טאָט; מיט אַלע כוחות זיך באַמיען אויסמיידן מלחמות, "ווייל פֿאַרגיסן בלוט איז ניט יידיש.." נאָר, אויב ס'וועט ניט בלייבן קיין אַנדער ברירה - דאַרף מען די מלחמה פֿירן מיט קרבנות-גרייטקייט, מיט מוט און מיט מיטלייד צו דעם שונאס באַפֿעלקערונג. די מדינה אַליין - לערנט אונדז דער רמב"ם אין זיין געזעצן-בוך - איז נישט דער עיקר. דער ציל איז **אויפֿצובויען אַ מדינה פֿון מאָראַלישער פּאַרטיפֿונג און סאָציאַלער גערעכטיקייט**. (אונטערגעשטראָכן דורך אונדז מ. וו.)

ניט קיין קלענערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פֿאַר דעם רמבמ'ס בריוו-ווענדונגען צו די יידישע קהילות, ווען זיי זענען געשטאַנען אין געפֿאַר און האָבן געמוזט

←

לילקע מייזנער

# *פון היינטיקע שפּאַצירן צו נעכטיקע טעג*

# די פרוי אויף דער באַנק

דורכזיכטיקער טאָג. די לופט קלאָר, און די זון האָט גאָר פרי פונאַדערגעוואָרפן אירע שטראַלן. זומערדיקע טעג! די בלומען אין פולן בלי. די קאָלירן שאַפן אַ געוואַנט ווו איין קאָליר פלעכט זיך אַריין אין אַנדערן, שאַפנדיק מאָדנע פיל־קאָליריקע מאָלערייען־בלומען־טעפּיכער. אַרום די האָניק־קוסטן באַוועגן זיך אין אייביקן פלי די קליינע אומרויקע פייגעלעך. זייערע פליגלען זענען מאָטאָרן אין אַ פערפּעטועלערבאַוועגונג. די שנאָבלען זייערע ציען אַרויס דעם זיסן נעקטאַר פון די ווייסע צי ברוינע האָניק־בלומען, און האָבנדיק גענוג - פליען זיי אין די ווייטע גרויסע רוימען, קיין מאָל נישט ווערנדיק מיד. נאַטור נסים. נאַטור אומוואַנדלונגען. ווען, ווי אַזוי, פאַרוואָס? ווער קען דאָס אַלץ פאַרענטפערן? איז דאָ אַן ענטפער? וועלכער? אַ מילד ווינטל האָט זיך אַריינגעריסן אין דער פרימאָרגן־שטילקייט און אַריינגעבראַכט אַן אומבאַמערקטן גערויש, וועלכער איז סודותדיק געבליבן הענגען אין דער לופט. כ'האָב זיך דערמאָנט די קינדער־געשיכטע, וועלכע כ'האָב באַנוצט פאַר די קינדער אין קינדער־גאָרטן: "ווער איז שטאַרקער - די זון - צי דער ווינט? ... דער ווינט האָט מאָמענטאַל צעשטערט די אידילישע שטילקייט - און די זון האָט נאָך שטאַרקער צעוואָרפן אירע שטראַלן, געוואַרעמט און באַלויכטן דעם פירנאַמענט. ביידע זענען זיי זיגער"!

מיין טראָט איז געוואָרן פאַמעלעכער, כמעט זיך איינגעהאַלטן. מיינע אויגן צעעפנטע - אַזוי ווי פאַר אַ וויזיע! לעבן מיר איז געשטאַנען אַ געשטאַלט. צוערשט האָב איך נישט געוווסט צי דאָס איז אַ מאַן צי אַ פרוי. געטראָגן הויזן, אויף די הויזן עפּעס אַ רעקל און נאָך כאַלאַטן. איינס אויפן אַנדערן. דאָס פנים איז געווען פאַרמעט ברוין. טיפע פאַלדן אויף דעם לעדער־געשניצטן פנים. אויגן, גרויסע, ווילדע, טיף ברוינע. האָר נישט לאַנג און נישט קורץ. שוואַרץ און גרוי. אין די אָרעמס - עפּעס געוויקלט, כ'האָב נישט געקענט זען וואָס. דאָס "עפּעס" איז געווען איינגעוויקלט אין שמאַטעס. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז דאָס איז אַ קינד. זי האָט אָן אויפהער געוויגט דאָס "עפּעס" און

---

בעל־כּרחו אָננעמען פרעמדן גלויבן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט דער שטרענגער ראַציאָנעלער געזעצן־שרייבער בעת צרה זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הייסן באַשיצער פון יידישן פאָלק. זיין בריוו צו די מאַראָקאַנער יידן "אגרת השמד" פאַרבלייבט ווי אַ מוסטער פון צאַרטלעכן באַטראַכטן דעם יידישן פיין; און - פון ליבשאַפט, מיט וועלכער מען דאַרף פאַרטיידיקן די "זינדיקע יידן" פון פאַרשיידענע אָנפאַלן.

נאָך העכער קלינגען דעם רמבמ'ס ווערטער אין זיין "אגרת תימן" ("בריוו צו די תימנער יידן"), ווען זיי זענען געשטאַנען אין געפאַר צו ווערן אומגעבראַכט נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען יידן. פון די שורות פון דעם דאָזיקן בריוו טראָגט זיך אַ מאַכטיקער קול־קורא, וואָס מונטערט די געפאַלענע. און פראָטעסטירט קעגן די, וואָס וואַרפן שטיינער אויף די אַנוסים. יידן - שופרט אַרויס דער רמב"ם - פאַרבלייבן הייליק אויך דעמאָלט, ווען אין קאַמף פאַר זייער לעבן, קאָנען זיי ניט אָפּהיטן די פאָדערונגען

אירע באַוועגונגען זענען געווען אַזעלכע ריטמישע. אַהין און אַהער און צו זיך. צוגעטוליעט עס צום האַרצן. און מיטאַמאָל אָנגעהויבן זינגען - גייענדיק אַזוי וויגנדיק איר גאַנצן קערפּער. אירע פּיס זענען געווען שוואַרץ ווי קויל. אויסגעטרוקנטע הויט. שוואַרץ פון שמוץ, צי פון מענטשלעכן קאָליר. איר זינגען איז געווען מאָנאָטאָן, און כ'האָב נישט געקענט דערגיין די שפּראַך און ווערטער. דאָס איז געווען "איר" ליד - אירע ווערטער, איר וועלט אין וועלכער זי איז געווען איינגעטונקען.

...מיט אַמאָל איז זי שטיין געבליבן, אויפגעהויבן דאָס "עפּעס" אין דער לופטן, אַט אַזוי, ווי מען הויבט אויף אַ קינד צו אַ שפּיל... און די שמאַטעס האָבן אָנגעהויבן פאַלן, פאַלן - ביז פון דעם "עפּעס" איז אַ פּוסטקייט געבליבן, און אירע הענט זענען געבליבן הענגען אין דער לופט אָן באַוועגונג. אַ ווילד אוממענטשלעך געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז, אַ וואָיען פון אַ פאַרווונדעטער באַשעפעניש. מיט איר גאַנצן אומנאַרמאַלן אימפּעט האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם בינטל שמאַטעס און צוגעטוליעט עס צו איר דאַרן קערפּער... אַ קרייז מענטשן האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דער קניענדיקער פרוי. אַ לאַנגע פּאָליציי־סירענע האָט צעשטערט די שטילקייט אַרום. זי איז געלעגן אין איר פאַרפרוירנקייט...

וועלכער גרויסער גריכישער דראַמאַטורג האָט געקענט אָפּשפּיגלען אַט די "ניאָבישע" סצענע. "ניאָבע" - דער סימבאָל פון מוטערלעכער טראַגישקייט אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע, דער אומקום פון אירע קינדער האָט זי, די מאַמע, פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין, אַ שטענדיק נאַסן פון אירע טרערן. אַ קלאָגנדיקער שטיין! דאָס וואָיען פון דער ליגנדיקער פרוי האָט נישט אויפגעהערט. איר קערפּער האָט געציטערט אין קאָנווולסיעס, איר ווייטיק, שרעק, איז געווען אויסגעגאָסן אין אירע גרויסע ווילדע אויגן. ווער וייסט, ווער ווייסט וואָס פאַראַ פאַרגאַנגען אומגליק האָט פאַרכמאַרעט איר לעבן? וועלכע שוואַרצע כוחות האָבן ביי איר אָפּגענומען דעם קלאָרן געדאַנק? ...ליגט זי איצט - די מאָדערנע "ניאָבע" אויף איר בינטל שמאַטעס און צערייסט די אַרומיקע שטילקייט מיט איר קלאָגנדיקן געוויין!...

איך האָב אַ מאָל געהערט אַט אַזאַ געוויין. אַ מאָל, אַ מאָל... אין די פינצטערע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער געשריי און געוויין האָט מיר נאָכגעפאָלגט יאָרן.און געזען האָב איך דאָס געשטאַלט אַזוי דייטלעך. צוגעטוליעט צו איר האַרץ, האָט ←

---

פון דעם יידישן גלויבן! זייער ווי אָטעמט מיט מסירת נפש. מיט צאָרן פרעגט רבי משה בן מימון "ווער האָט די רעכט זיי שטראָפן?" און דערקלערט, אַז אין אַזעלכע סיטואַציעס איז דער חוב פון יעדן ערלעכן מענטשן צו טרייסטן די ליידנדיקע און מיט ליבשאַפט און רחמים זיך ווענדן צו זיי: "יידן זייט זיך ניט מיאש"!

דער דאָזיקער רוף פונעם רמב"ם האָט געמונטערט די יידן אין די געטאָס. העשל קלעפּפיש איז אוודאי גערעכט, ווען ער שטרייכט אונטער, אַז די אויבן געבראַכטע ווערטער פונעם רמב"ם האָבן אַרויסגעהילכט פון דעם שרייבער און קדוש הלל צייטלין. וועלכער, גייענדיק צום אומקום, אַן איינגעהילטער אין טלית און תפילין האָט געמונטערט זיינע מיטגייער, "אַז אין זייער טרויער איז איינגעהילט די גאולה" און אויך פון הירש גליקס פּאַרטיזאַנער־ליד גייט אויף דער גלויבן, וואָס די רמב"ם־בריוו האָבן דורך יאָרהונדערטער אַריינגעפלאַנצט אין באַוווסטזיין פון פאָלק: - "זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"

ונאמר: דריי מאָל אָמן ואָמן!

זי געהאַט צוויי יינגעלעך. צוויי יידישע קינדער, וועלכע דער ברוטאַלער דייטשישער "קולטיווירטער" סאָלדאַט האָט געוואָלט אַרויסרייסן פון אירע אָרעמס. זי איז געשטאַנען ביי אַ באַן־סטאַנציע. אַ הויכע, גלייכע מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, מיט פאַרביסענע ליפּן און דעם פעסטן באַשלוס: ניין! זי וועט זיי די קינדער פרייוויליק נישט אָפּגעבן! אָ, זי האָט זיי פעסט געהאַלטן, געטוליעט, געצערטלט, פאַרשטעלט זיי די אויגן פון מערדערס שפּיצרוטן. איר כוח איז געוואָרן אַן אומנאַטירלעכער, אַ כוח פון אַ מאַמען צו באַשיצן אירע קינדער! און דער מערדער האָט זיך געשפּילט מיט זייערע לעבנס. צוגעשטעלט די רעוואָלווער־לופע צו דער מאַמעס קאָפּ און געריסן פון אירע הענט די צוויי קינדער... ביז, ביז דער כוח איז אויסגעגאַנגען ביי איר, ביי דער מאַמען – און אירע הענט זענען ליידיק געוואָרן! און די מוראַדיקע שטילקייט איז צעריסן געוואָרן פון אַן אוממענטשלעכן געוויין, געיאָמער, וואָס האָט הימלען געקענט שפּאַלטן, נאָר די הימלען האָבן נישט געענטפערט! און די זון איז נישט פאַרשעמט געוואָרן, און ווייטער געלויכטן – און די יידישע מאַמע איז געלעגן אויף דעם האַרטן ברוק און געריסן די ערד מיט אירע נעגל! און דער וויסטער געוויין האָט זיך צעטראָגן העט, העט ווייט, אין די ווייטע רוימען. און דער ווינט האָט אים צוריקגעבראַכט היינט און אים דערקייקלט אַהערצו אויף דער זוניקער גאַס פון מיין שטאָט, ווו עס ליגט די פאַרוואונדעטע נשמה פון אַ מאַמען, וועלכע האָט געוויגט איר טויט קינד. ליגן די ביידע מאַמעס, ווי פאַרשטומטע נאַסע שטיינער. פאַרשטיינערטע פון זייערע אומגליקן, אייביק נאַסע פון דעם נישט אָפּשטעלנדיקן זיך טרערן־קוואַל! "ניאָבעס" פון אונדזער מאָדערנעם יאָרהונדערט... ווי צו אונדז – וויי צו אונדז!

## אַלינקעס פּאָרטרעט

פאַרוואָס האָב איך עס אַ נאָמען געגעבן – "פּאָרטרעט' – פאַרוואָס? צו גרויס דאָס וואָרט, צו גרויס! עס איז אַ קליין בילדל, אַריינגענומען אין אַ רעם. אַ בילדל פון אַ קליין מיידעלע. ווי קומט עס צו אַ פּאָרטרעט? פּאָרטרעט איז גרויס, וויכטיק, טייל מאָל געמאָלן מיט פאַרבן, וועלכע פאַרשענערן נאָך מער דאָס געשטאַלט. דאָס בילדל איז שוואַרץ און ווייס פון אַ מיידעלע אין אַ ווייס קליידל, מיט אויגן דורכזיכטיקע, וואָס מאָלן די אומשולד פון אַ קינד. אַ "פּאָרטרעט" אין שוואַרץ און ווייס. דאָס בילדל איז פון מיין קליינינקער שפּעט געקומענער אויף דער וועלט קוזינע. אַ קינד פון מיין באַליבטן פעטער. אַלינקע איז איר נאָמען. זיסע קליינע אַלינקע. איך האָב דיך לאַנג נישט געקענט. די צייט פון דיין געבורט ביז צו דיין אומקום איז קורץ געווען. כ'געדענק ווען דו ביסט געקומען אויף דער וועלט! אונדזער אַלעמענס פרייד געווען! האָסט אויסגעזען ווי אַ קליין מלאכל אין די אָרעמס פון דיין מאַמען, כ'געדענק אַזוי גענוי דעם מאָמענט! היינט ביסטו אַ ציפער, אַ נומער אין דעם אַלגעמיינעם חשבון פון איין – און אַ האַלבן מיליאָן אומגעבראַכטע קינדער!

פאַרוואָס דערמאָן איך דיך היינט? נישט דיין געבוירן דאַטע, נישט דיין אומקום־טאָג. איך האָב נאָר היינט געטראַכט וועגן מיינע משפּחה־מיטגלידער און געמאַכט אַ שפּאַציר אין צייט. איך האָב שוין זייערע פּנימער נישט דייטלעך געזען, זייערע געשטאַלטן ווערן וואָס ווייטער מער פאַרנעפּלט. זיי ווערן קלענער, קלענער און מיט דער צייט וועלן זיי פאַרשווינדן. בלייבן וועלן נאָר נעמען און געשעענישן, פאַרבונדן מיט מיין און זייער לעבן. אויף ווי לאַנג? היינט איז דיין טאָג, מיין טייערע אַלינקע. היינט, וויל איך פאַרברענגען מיט דיר. אין דמיון זען דיך. דערמאָנען ווייט פאַרגאַנגענע טעג. אויפשטעלן

צוריק די ווענט, די שטוב, געשטאַלטן - אַ פֿאַרשוווּנדענע וועלט! אַ וועלט, וועלכע איז אַזוי וויכטיק פֿאַר מיר, פֿאַר מײַנע אַרומיקע... כ׳וועל אָנשטעלן בראַמס מוזיק הײַנט, די קלאַנגען וועלן מיר העלפֿן מאָלן דײַן "פּאָרטרעט", דורך זיי וועל איך דערוועקן דערמאָנונגען. ווען דו ביסט גאָר קליין געווען האָבן דײַן טאַטע און מאַמע פֿאַרוויגט דיך מיט בראַמס וויגליד. און דו פֿלעגסט אויפֿמאַכן דײַנע דורכזיכטיקע בלויע אויגן, און קוקן אויף זיי - ביז די אייגעלעך האָבן זיך צוגעמאַכט. ס׳איז דיר אַזוי גוט געווען אין דײַן ווייסן, ריינעם בעטל אויף איין זײַט פֿון דער וואַנט. אויף דער צווייטער זײַט איז געהאָנגען אַ בילד.

מיט יאָרן שפּעטער, אין אַ צווייטער וועלט - אַ וועלט נאָך דעם חורבן, זענען מיר געשטאַנען אין אַ ווײַטן לאַנד און געקוקט אויף דעם זעלבן בילד. דאָס בילד איז געווען פֿון שפּאַנישן מאָלער מוריאָ - און דאָס אָרט איז געווען מאַדריד. הײַנט האָב איך גענומען דאָס בילד און אַריבערגעטראָגן עס דאָ, אויף די ווײַסע פּאַפּיר־בלעטער כדי דיך און דאָס בילד דערמאָנען. דאָס בילד פֿון צוויי קינדער, וואָס וואַרעמען זיך בײַ אַ גרויסן אויוון. די שיינקייט פֿון דעם בילד באַשטייט אין די קאָליר־קאָנטראַסטן, אין דער רויקייט און וואַרעמקייט. די ערדישע ברוינע קאָליר, די נישט געזעענע פֿייער־צונגען, וואָס שאַפֿן רויט־גאָלדיקע ליכט. און דאָס ליכט באַלייכט דעם גאַנצן אַרום. די פּנימער פֿון די צוויי קינדער ווערן ליכטיק צעשמייכלט און די פֿלאַמען פֿילסטו און זעסט זיי נישט.

מײַן טײַער מיידעלע, ווען דו ביסט שוין גרעסער געוואָרן און איך פֿלעג קומען באַזוכן דיך נאָך דער שולע, האָסטו שטענדיק מיך צוגעפֿירט צו דעם בילד, אָנגעוויזן מיט דעם פֿינגער און געזאָגט די פּשוטע ווערטער-שיין, שיין. דײַנע אייגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט די פֿלעמלעך פֿון דעם אויוון און אין דײַנע שוואַרצאַפּלען האָט געגליט אַ רויט פֿלעמל - דער אָפּשײַן פֿון מוריאָס ליכט! מיר פֿלעגן צוזאַמען גיין אין פּאַרק. דו האָסט ליב געהאַט די בלומען. מיט דײַנע קליינע הענטלעך פֿלעגסטו גלעטן זייערע קרוינען, לויפֿן נאָך די פֿייגל וואָס פֿלעגן זײַן אויף דעם גרין־געלן גראָז. איך פֿלעג דיך צוריק האַלטן זאָלסט נישט טרעטן אויפֿן גראָז - אין יענעם לאַנד האָט מען נישט געטאָרט טרעטן אויף די גרינע פֿרישע גראָז־טעפּיכער; און ווי אַלע קינדער פֿלעגסטו זיך פֿועגן "פֿאַרוואָס"!

אין איינעם אַזאַ נאָכמיטאָג האָסטו אָפּגעריסן עטלעכע בלימעלעך און געהאַלטן זיי פֿעסט אין דײַן הענטל. אַרויפֿקומענדיק אין שטוב, ביסטו צוגעגאַנגען צו דעם הענגענדיקן בילד און דערלאַנגט די צוויי קינדער די בלומען. דײַן מאַמע האָט גענומען זיי און צוגעטשעפּעט צום בילד - דײַן מתנה פֿאַר דײַנע געמאָלענע פֿרײַנד...

און איך האָב דיך שוין מער נישט געזען! די גרויזאַמע געשעענישן האָבן אונדז פֿונאַנדערגעטיילט. דו ביסט פֿאַרבליבן אין שטאָט און מיר זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן. ביסט דעמאָלט אַלט געווען זעקס אָדער זיבן יאָר. ביסט פֿאַרבליבן אין לאָדזשער געטאָ פֿאַר אַ קורצער צײַט מיט דײַנע ליבסטע, טאַטע־מאַמע. מען האָט מיר איבערגעגעבן נאָך דעם חורבן, אַז דו ביסט געוואָרן דײַנע עלטערנס היטער און פֿאַרזאָרגער. ביסט מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן און פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריז, אַ געטאָ-ריז - פּונקט ווי טויזנטער יידישע קינדער. אַן אַרמיי פֿון געטאָ־ריזן. כ׳ווייס נישט ווו דײַן געביין געפֿינט זיך. ביסט פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם גרויסן שטורעם־ווינט. כ׳האָב דיך געזוכט אין אַלע קינדער־בילדער, כ׳בין נאָכגעגאַנגען געשטאַלטן פֿון קינדער, וועלכע, ווי

←

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

# לידער

## טשעלאָ

מען זאָגט, אַז די טשעלאָ איז אַ פידל וואָס האָט
דורכגעמאַכט די מוטאַציע
און די איידעלע לידל־טענער ווערן ביי אים
קליין און קלענער.
זינגט מיט אַ נידעריק קול.
טייל מאָל איז עס ניט קיין געזאַנג.
נאָר אַ שעפּטש -
כ׳בין איינזאַם,
כ׳קאָן ניט איינשלאָפן.

דער טשעלאָ איז פול מיט סתירות
סודות.
זאָגט און כאַפּט צוריק.
וואַרפט אַ גאַנצן באַרג מיט טענער,
ווי אַ האַלצהעקער איבעריקע שפּענער.

ברומט און ברומט אַזוי לאַנג
ביז עס קומט פון דער ברומעניש
עפּעס אַרויס.
דער "עפּעס" קאָן אַ מאָל זיין
אַ האַלב־צעעפנטע רויז,

וואָס אַ דאַמע לאָזט פון
דער האַנט ניט
אַרויס.
אַן אַנדערש מאָל -

←

---

ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, קוקן אויס ווי דו. איך האָב געזוכט אַלע דאָקומענטן צו געפינען אַ שפּור פון דיר - מיין טייערע אַלינקע. און גאָרנישט געפונען! דיין טאַטע, איז אומגעקומען ווי אַ מענטש־פערד אין איינעם פון די לאַגערן. דיין מאַמע איז אַוועק מיט אַ טראַנספּאָרט. און דו?... דו ביסט פאַרבליבן ביי מיר, אין מיר. אויף אונדזער טיש שטייט דיין קליינע פאָטאָגראַפיע. שטייסט צווישן בלומען און גראָזן אין אונדזער פּאַרק. דיין מלאך־פּנימל שמייכל אַרויס פון דער שוואַרץ־ווייסער פאָטאָגראַפיע. כ׳וואָלט אַזוי וועלן אַ גלעט טאָן דיין זיידן פּנימל, אַננעמען דיך פאַר דער האַנט און שפּאַנען....

האָב איך צוגעשפּילעט בלומען צום "פּאָרטרעט" אַזוי ווי דו האָסט עס געטאָן מיט מוריאָס בילד. וועלן די בלומען פאַרבינדן דעם נעכטן מיט דעם היינט. בראַמס קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט און דאָס וויג־ליד זיינס האָט דיך פאַרוויגט אויף אייביק. איז שרייב איך די פּאָר ווערטער צו דיר, פאַר דיר - מיין קליינע אַלינקע.

אַ געיעג פון פערד אונטער וועלכע
עס ציטערט די ערד.
צי גאָר ליכט־שטראַלן
וואָס ווערן אין אַ סומנעם
וואַלד פאַרפאַלן
און דער סמיטשיק זוכט זיי בחינם
צווישן די ביימער־שטאַמען.

ער וויל מיט זיינע גאַמען פאַרטרעטן
אַ גאַנצן אָרקעסטער,
אויף צו קאָנען זיך רימען
איך בין דער בעסטער,
דער בעסטער!

דער אַנסאַמבל לאַכט
אים אויס און שפעט -
ברודערקע, אומזיסט די מי,
דער געוועט.
די פידל וועט דיך
אַלע מאָל באַזיגן.
וויפל דו זאָלסט זיך ניט קליגן
וועלן דיינע קלאַנגען
צו די פידל־הייכן
קיין מאָל,
אָבער טאַקע קיין מאָל
ניט דערלאַנגען!

## כ׳האָב זיך איינגערעדט

כ׳האָב זיך איינגערעדט,
אַז איך באַשטים דעם וועטער
און אין האַרבסט
פאַרבֿ איך אויף געל
די בלעטער.
און אַז מיין זכרון וועט
מיר דינען,
ווי עס דינט אַ בלום די בינען
און כ׳וועל דעם האָניק
פון באַגינען,
ניט לאָזן זיך צערינען
און אים אָפּהיטן
אויף דער עלטער -
ווען עס ווערט
דער הימל
קאַלט
און קעלטער
קאַלט און קעלטער.

## אַטאָם

כ׳וויל צוריק שלאָפן
מיינע אַכציק יאָר.
כ׳וויל ניט זיין קיין
חוני המעגל.
כ׳וויל אַרויס פונעם
אָנגעצייכנטן קרייז.
פונעם קערן, וואָס פאַרזייט
קען חלילה אויסוואַקסן
אַלדאָס בייז,
אַלדאָס שלעכטס.

כ׳וויל ניט דערלעבן
זען
דעם ריזיקן שוואָם
וואָס פאַרסמט,
פאַרדאַרבט,
פאַרברענט
סיי די ערד
סיי דעם הימל
און פאַרבלייבן וועט
בלויז
דער שוים
און דער שימל
פון דער ערד
און פונעם הימל.

משה שקליאַר

# אַ פּאַרשפּעטיקטע דערמאָנונג
## צו דער 20־סטער יאָרצייט פון משה שולשטיין ז"ל.



ווי די צייט לויפט, די אומברחמנותדיקע צייט! אָפּט מאָל זעט אויס אַ יאָרצענדליק ווי איין טאָג. און נישט בלויז אַ יאָרצענדליק. אָט זענען נאָר וואָס פאַרביי צוויי יאָרצענדליקער זינט אין פּאַריז האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט דער באַוווּסטער דיכטער משה שולשטיין, און מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז עס איז ערשט "נעכטן געווען"... נישט לאַנג פריער האָב איך אים געהאַט באַגעגנט אין ניו־יאָרק, אין ציקאָ־פאַרלאַג, בעת איך און מיין פרוי האָבן זיך צוריק געקערט פון אַ באַזוך אין ישראל, און מיר האָבן געשמועסט, גלייך מיר וואָלטן זיך נאָר וואָס צעשיידט, דערמאָנט אַלטע צייטן און "אַלטע לידער", זיך נאָכגעפרעגט אויף פריינד און באַקאַנטע.

וואַרפסטו אַ בליק אויף צוריק, און דו טראַכטסט: ווו זענען זיי אַהינגעקומען די צוואַנציק יאָר? איז עס באמת שוין אַזאַ לאַנגע צייט? און אָט דאַכט זיך - עס איז ערשט נעכטן געווען... כ'בין אַריין אין קלוב־זאַל און באַגעגנט האָט מיך מענדל סלוצקי, וועלכער האָט מיר שטיל איינגערוימט אין אויער: געהערט, משה שולשטיין איז געשטאָרבן... עפּעס האָט אַ זעץ געטאָן אין האַרצן ווי מיט אַ האַמער. איז שוין משה שולשטיין אויך נישטאָ... דער דיכטער וואָס האָט באַגייסטערט מיין יוגנט, וועמענס ליד כ'האָב געהערט אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און שפּעטער זיי געלערנט אויף אויסנווייניק; דער דיכטער מיט וועלכן כ'האָב אַ שטיקל צייט געלעבט אין איין וואַרשעווער הויז און געזען אים, דורך מיין פענצטער, זיצן ביי זיין טאַטנס ניי־מאַשין און "אויסהעפטן" אין די נעכט זיינע לידער; דער דיכטער וועמענס שאַפונג־וועג כ'האָב שפּעטער נאָכגעפאָלגט, פון נאָענט און ווייט, מיט ליבשאַפט און פאַרערונג, ביז אונדזערע וועגן זענען זיך ערגעצוווּ צונויפגעקומען.

ווער ס'האָט יענעם אָוונט גערעדט צו די פאַרזאַמלטע געדענק איך נישט. כ'האָב אים סיי ווי נישט געהערט. אין קאָפּ האָט געוווּשט בלויז איין געדאַנק: נישטאָ מער משה שולשטיין. און אויף אַ "נעפּקין", וואָס איך רוף נאָך אַלץ אויף מיין פּוילישן יידיש אַ סערוועטקע, האָב איך פאַרצייכנט, אימפּראָוויזירט די פאָלגנדיקע שורות: "זיי גייען אַוועק / די זינגער־באַזינגער/די מייסטער פון יידישן וואָרט / און ליריק און פּוסט ווערט אָרום / זייער אָרט / נישט פאַרנעמען וועט קיינער / איז ווער־זשע וועט פאָרט / באַהויכן מיט אָטעם / די אותיות־ביינער / זיי אויפלעבן ווידער / אין לידער / וואָס וואַרטן אויף זייער פּאָעט / ווער וועט / אָ, ווער וועט?" - - -

די לעצטע ווערטער, דער "ווער וועט", זענען, פאַרשטייט זיך, רעטאָרישע, און היינט איז אַפילו רעטאָריק דערלויבט אין אַ ליד. אָבער נישט וועגן דעם גייט עס דאָך.

דאָס איז אַן ענין פֿאַר ליטעראַטור־קריטיקער. עס גייט אינעם תוך, וואָס מאַטערט זינט יאָרן יעדן יידישן שרייבער און ליבהאָבער פֿון יידישן וואָרט. גייט אַוועק אין דער אַזוי גערופֿענער אייביקייט אַ יידישער שאַפֿער, דאַכט זיך שטענדיק, אַז ער איז דער לעצטער, און עס קומט אויף די ווייטיקדיקע פֿראַגע: ווער וועט אים פֿאַרטרעטן? ווער וועט פֿאַרנעמען זיין אָרט? ווידער איז עס אַ רעטאָרישע פֿראַגע. ווייל זיין אָרט קאָן סיי־ווי־סיי קיינער נישט פֿאַרנעמען, אויב ער איז געווען אַן עכטער, אייגנאַרטיקער שרייבער, אַן איינמאָליקער טאַלאַנט. און אַזאַ איז ער דאָך געווען, משה שולשטיין.

און דאָך... יאָרנלאַנג, צענדליקער יאָרן, באַזונדערס נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם יידישן חורבן, חזרט מען איבער אָן אויפֿהער דעם "ווער וועט?" און... מיר לעבן ווייטער מיט נסים. אָט אַזוי ווי דער גרויסער לייוויק האָט געשריבן? "איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער"... עס קרישלט זיך די יידישע ליטעראַטור, עס פֿאַלן פֿון איר שטיקער, און זי לעבט, און עס באַווייזן זיך אַפֿילו נייע טאַלאַנטן, נייע, יינגערע שאַפֿערס.

צי איז נישט אָט דער וווּנדער אין זכות פֿונעם מעכטיקן בוים פֿון דער יידישער ליטעראַטור, אַ צונויפֿגעוואַקסענעם מיטן פֿאָלק, וואָס זיינע וואָרצלען זענען אַזוי טיף, אַז וויפֿל מען זאָל נישט פּרוּוון אונטערהאַקן זיין שטאַם, באַווייזן זיך ווידער נייע צווייגן, מעג זיין טאַקע שוואַכע, אָבער דאָך זענען עס צווייגן וואָס קאָנען זיך צעצווייגן... למען האמת דאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז אַ סך ערגער איז עס מיט יידישע לייענער. אָבער דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך.

ווען משה שולשטיין איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, אָנהייב 30־ער יאָרן אין צווישנמלחמהדיקן פּוילן, זענען די אַלע פּראָבלעמען נישט געשטאַנען פֿאַר די יידיש־שאַפֿערס. עס האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דער שטורעם און דראַנג פּעריאָד פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ העלע און בעסערע צוקונפֿט. דאָס לעבן פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן האָט זיך שוין ווי עס איז געהאַט איינגעשטעלט, הגם עס זענען נאָך אַלץ געווען שווערע צייטן און עס האָבן נישט אויפֿגעהערט די פּאַרפּאָלגונגען פֿון די היימישע אַנטיסעמיטן. נויט און הונגער האָט געהערשט אין יידישע שטעט און שטעטלעך, אָבער צוזאַמען דערמיט אויך הונגער נאָך שיינקייט און דערהויבנקייט און ווילן זיך אַרויסצורייסן פֿון דער אָנמאַכט. געזוכט האָט די פֿאָלקס־מאַסע, באַזונדערס די יוגנט, אַ פֿאַרגייטיקונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער די יידישע ליטעראַטור, ווי עס שרייבט וועגן יענער צייט דער באַוווּסטער ליטעראַטור־קריטיקער שמואל ניגער, איז געווען דעזאָריענטירט, די שרייבערס האָבן דורכגעמאַכט ביטערע דערפֿאַרונגען, זענען געווען דעפּרימירט און דערשלאָגן. "עס איז אַנטשטאַנען - שרייבט ער - אַן עפּאָכע פֿון נאַקעטן נאַטוראַליזם אין דער פּראָזע און גראָטעסקער סאַטירע און אַנטי־לירישקייט אין פּערזן."

ווי די מערסטע יידישע שרייבערס פֿון יענער צייט איז משה שולשטיין געקומען פֿון דער יידישער אָרעמקייט און פֿון אַ קליין שטעטל, קאָריוו, וואָס אין דער לובלינער געגנט. אגב וועט זיין שטעטל און באַזונדערס דאָס יידישע לובלין שפּעטער פֿאַרנעמען אַ באַטייטנדיק אָרט אין זיין שאַפֿן. זיינע קינדער־יאָרן אין שטעטל באַשרייבט ער אינעם בוך א"נ "דאָרט ווו מיין וויג איז געשטאַנען", וואָס איז דערשינען אין פּאַריז נישט לאַנג נאָך ז"ק טויט. עס איז אַ וווּנדערלעכע שילדערונג פֿונעם יידישן שטעטל, פֿול מיט

ליריזם און פּרעכטיקע שטייגערישע און נאַטור־שילדערונגען, געזען מיט די אויגן פון אַ קינד. עס איז פול מיט דינעם הומאָר, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר יעדן שרייבער, און וואָס קומט אויך צום אויסדרוק אין די מערסטע פון זיינע משלים, וועלכע זענען איינגעזאַמלט אינעם בוך "גאָלד און פייער", אָבער וועלכע מען קאָן אויך געפינען אין אַ סך פון די קנאַפּע צוואָנציק ביכער שולשטיינס.

אין 1934 איז דערשינען שולשטיינס ערשטלינג־בוך א"נ "ברויט און בליי", וואָס האָט גלייך "איינגענומען" די א"ג. יידישע אַרבעטער־גאַס מיט זיין רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס, בונטאַרישקייט און פּאָלקסטימלעכער פשטות. דעם נאָמען פונעם בוך איז נישט שווער צו דעשיפרירן. הונגעריקע אַרבעט־מענטשן ווילן ברויט און אַנשטאָט דעם באַקומען זיי פון דער האַלב־פאַשיסטישער מאַכט בלייענע קוילן. דער דיכטער ברענגט אַרויס אין זיינע לידער די האַרבעווירקלעכקייט פון די קריזיס־יאָרן, פון אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, נויט און פּראָטעסט. אָפט מאָל הערט זיך אין זיי אַ ווידערקול פון די אַמעריקאַנער רעוואָליוציאַנערע ליריקער ווינטשעווסקי, עדעלשטאַדט און באָוושאָווער, אָבער מיר האָבן דאָ אַ נייע, אייגנאַרטיקע בילדלעכקייט, אַ נייעם ריטעם און אַ געפיל פאַרן קינסטלערישן וואָרט. צו די פּאָפּולערסטע לידער שולשטיינס פון יענער צייט האָט געהערט "דער טאַטע שטרייקט". ס'וויל זיך דערמאָנען כאָטש דעם ערשטן פערז, וואָס פירט אונדז אַריין אין דער אַטמאָספערע פון הונגער און נויט:

-נו. קינדער, שטיל זאָל זיין, נו קינדער שווייגט -
זאָגט אַ מאַמע בייז, זאָגט אַ מאַמע גיך -
נו, קינדער שטיל, דער טאַטע שטרייקט,
און אַז דער טאַטע שטרייקט -
שטרייקן אויך די טעפּלעך אויף דער קיך"

דאַכט זיך גאַנץ פּראָזאַישע שורות. וואָס האָט דען געקאָנט זיין מער פּראָזאַיש אין יענער צייט ווי שטרייק און הונגער אין אַן אַרבעטער־שטוב? קומט די לעצטע שורה פונעם פערז און פאַרוואַנדלט דאָס טאָגטעגלעכע בילד אין קונסט פון העכסטער פּראָבע. שטרייקן אויך די טעפּלעך אויף דער קיך... הערט זיך איין, קוקט זיך איין און איר זעט פאַר זיך אַ שטיללעבן געצייכנט מיט דער האַנט פון אַ מייסטער־אימפּרעסיאָניסט. דאָס גלייכן אַ שורה וואָס שליסט אָפּ דעם צווייטן פערז: "און אַז דער טאַטע שטרייקט, שטרייקט אויך דאָס לעמפּל אויף דער וואַנט"... אָט קאַנט איר זיך פאָרשטעלן דאָס בילד: אַ טונקל צימער איינגעהילט אין שאָטנס, דורכן פענצטער קוקט אַריין אַ בלאַסע האַלבע לבנה און אויף דער אָפּגעשיילטער וואַנט צאַנקט דאָס נאַפט־לעמפּל מיטן לעצטן אויס־גייענדיקן פלעמל...

אַזעלכע לידער האָט מען נישט בלויז געלייענט, מען האָט זיי טיף אָפּגעפילט. איבערגעלעבט און פאַרקריצט אין זיכרון. די אַרויסגעבראַכטע סיטואַציע איז דאָך געווען כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר דער משפחה פון אַ שטרייקנדיקן אַרבעטער, נאָר אויך פאַר אַ סך מענטשן פון דער יידישער אָרעמקייט, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס אַריינצולייגן אין טעפּל... אָט די שפּירעוודיקייט שולשטיינס פאַרן מענטשלעכן גורל, פאַרן יידישן גורל, וועט אים שוין באַגלייטן זיין גאַנץ שעפעריש לעבן. דערביי וועט זיין בילדלעכקייט ווערן רייכער, דער פערז מער געשליפן און אינטעלעקטועל פאַרטיפט. דאָס לאָזט זיך בולט זען אין אַזעלכע לידער ווי "די מאַמע וואַשט אַ באַליע גרעט", "די מאַמע באַקט ברויט", "מיין טאַטנס ניי־מאַשין" און פיל אַנדערע, וואָס דער

דיכטער האָט געשאַפֿן שוין נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמע אין פּאַריז, וואָס איז געוואָרן זיין צווייטע היים. וועגן זיין פֿאַרבונדנקייט מיט אָט דער היים שרייבט דער באַוווסטער פֿראַנצויזישער דיכטער און איבערזעצער פֿון יידישער פּאָעזיע, שאַרל דאָבזשינסקי, אינעם פֿאָרוואָרט צום בוך "סוד און כוונה", וואָס איז דערשינען צו שולשטיינס צענטער יאָרצייט צ"אַ:

"ס'איז קיין ספק נישט, אַז שולשטיינס פּאָעזיע האָט אין פֿראַנקרייך געשעפּט אָריגינעלע טענער און טעמעס. אין זיין גרויסער באַלאַדע "דער חותם פֿון דער נאַכט" איז אים געראָטן מער ווי וועלכן ס'איז אַנדערן ווידערשטאַנד־דיכטער, חוץ אפֿשר פּאָל עלואַרן, אַרויסצורופֿן די אַטמאָספֿערע פֿונעם אָקופּירטן פּאַריז, ווו יעדער ייד וואָס האָט אויסגעמיטן מאַסן־אַרעסטן און דעפּאָרטאַציע האָט אויף שריט און טריט זיך געמוזט פֿאַרמעסטן מיט סכנה און טויט־שרעק. מיט אלחנן וואָגלערן איז ער איינער פֿון די זעלטענע פּאָעטן אויף יידיש ביי וועמען די האַרץ־און גייסט־פֿאַרבינדונג מיט פֿראַנקרייך איז געווען אַזוי שטאַרק".

"משה שולשטיין האָט פֿאַרמאָגט די פֿעיִקייט, ווי אַן אַלכעמיקער, צו פֿאַרוואַנדלען די סאַמע פּשוטסטע זאַכן אין עכטן פּאָעטישן גאָלד." זיין ליד האָט זיך שטענדיק אויסגעטיילט מיט זיין וואָכעדיקער פּשטות און קאָנקרעטער קעגנשטאַנדלעכקייט. זיין טעמע איז געווען אַ רעאַלע געשעעניש, וואָס האָט אין איר דיכטערישער פֿאַרוואַנדלונג אויסגעטאָן פֿון זיך די עלעמענטן פֿון צופֿעליקייט און געוואָרן אַן אַלגעמיינע, טיפּישע דערשיינונג, אַ כאַראַקטעריסטישע פֿאַר איר צייט און סביבה... פֿון דער ערשטער מינוט איז זיין ליד געווען איינגעזעסן, ווי אַ יונג ביימל, וואָס אויב אַפֿילו עס איז פֿאַרקוקט אין די בלויע הימלען, טראָגט עס אָבער אין זיך גופֿא דעם לעבעדיקן זאַפֿט פֿון וואָרצלען, וועלכע זענען טיף און ברייט פֿאַרצווייגט אין אַן אייגענעם באָדן" - אַזוי האָט געהאַט געשריבן וועגן אים דער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער דוד ספֿאַרד.

זייער כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז די דערמאָנטע גרעסערע פּאָמע שולשטיינס "מיין טאַטנס ניי־מאַשין". דער דיכטער לעבט אויף אין איר דעם טויטן קעגנשטאַנד, דעם טאַטנס ניי־מאַשין, און פֿירט זי פֿונעם שטעטל, ווו "זי איז אין דער היים שוין אַ תושב געווען (...) ווען כ'האָב די ליכטיקע שיין נאָר דערזען"... ביז זיין נייער היים אין וואַרשע, דורך געטאָ און אומשלאַג־פּלאַץ אַזש ביז קיין טרעבלינקע, און "וויל דער מאַשין, - שרייבט ער - וואָס זי איז אַ מכשיר, דער שטיקנדער קאַלך האָט קיין שליטה אויף איר". און לסוף?

...אפֿשר גאָר שטייט זי פֿאַרלאָזט און אַליין
אין פֿעלד, אין דער וויסט פֿון פֿאַראַשטן געביין,
דאָרט צווישן פֿאַרבליבענע קופּעס מיט שיך,
אויף די, וואָס געיאָגט איר געניי האָבן גיך...

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

און ס'קומען צושלייכן זיך שטיל און בסוד
ביינאַכטיקע ווינטן און דרייען איר ראָד,
און רופֿן צום ניגון צום אַלטן זי אויף,
זי קריצט מיט די ציין די פֿאַרראָסטע אַרויף,
יִ'ריצט אויס אַ געשריי פֿון פֿאַרלאָזטקייט און שאַנד
און לעכערט דעם הימל - דאָס בלאָע געוואַנט."

עס איז אַן אויפטרייסלענדיק בילד, וואָס רייסט אויף נישט בלויז דעם הימל - דאָס בלאָע געוואַנט (ווי פּאַסיק איז דאָ אָט דער פּראָפּעסיאָנעלער אויסדרוק - מעטאַפאָר!) נאָר אויך דאָס מענטשלעכע האַרץ און געוויסן, ווי אַלע לידער שולשטיינס אויף דער חורבן־טעמאַטיק, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישן אויפרייס־שטאָף. איך וויל נאָך דאָ ציִען די אויפמערקזאַמקייט אויף איין זייער כאַראַקטעריסטישער שורה, וואָס קאָן ביים געוויינלעכן ציטירן זי פאַרלוירן גיין, אָבער וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם וועג וואָס משה שולשטיין האָט דורכגעמאַכט פון אַ רעוואָליוציאָנערן טרובאַדור צו אַ טיף־נאַציאָנאַלן דיכטער: ביינכאַטיקע ווינטן (...) דרייען איר ראָד (דער מאַשינס) און רופן צום ניגון צום אַלטן זי אויף"... די טויטע מאַשין ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקן קעגנשטאַנד מיט גוף און נשמה און ווערט אויפגערופן "צום ניגון צום אַלטן" אָט אַזוי ווי אַ ייד אין שול ווערט אויפגערופן צו דער תורה...

נאָר לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג, צו שולשטיינס חורבן־לידער וועלן מיר זיך נאָך אומקערן, ווייל זיי פאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט אין זיין שאַפן. דערווייל דאַרף מען דערמאָנען דאָס צווייטע לידער־בוך שולשטיינס, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1936 יאָר א"נ "דאָס פּייפל אין די בערג". הגם דאָס בוך איז געווען נישט גרויס אין פאַרנעם, האָט עס אָבער פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אינעם ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס־וועג פונעם דיכטער. דער בונטאַר ווערט פּלוצעם, אונטערן איינדרוק פון דער נאַטור, פון די פּרעכטיקע פּוילישע קאַרפּאַטן־בערג, פאַרוואַנדלט אין אַ ליריקער. צייטנווייז ווייטיקט זיין האַרץ אויך דאָ אויף דער אָרעמקייט פון די באַרג־מענטשן, למשל, אינעם ליד "אַ באָרוועסער בעטלער־הוצול" און ענלעכע. אָבער די בערג ווירקן באַרויקנדיק און באַרוישנדיק אויף דעם יינגל פון קאַריוו און ער זעט און באַוואונדערט ווי "עס גייט די טשערעדע - אַ פולער וואָלקן / וואָס ציט זיך, ציט זיך אָן אַ סוף /. אָדער" "עס כאַפּט זיך איצטער אויף דער וואַלד און שטוינט/ און צו מיין ליד ער האָרכט זיך איין און האָרכט / און ס'בייגט זיך בלעטער־קרוין צו בלעטער־קרוין / ווי שטיל מיט סודות וואָלטן זיי געשאָרכט".

ליידער איז אים נישט באַשערט געווען, שולשטיינען, די שלווה און די רו פון אַ ליריקער. גיך קערט ער זיך אום צו דער האַרבער ווירקלעכקייט, און נישט די פּוילישע קאַרפּאַטן־בערג וועלן אים איצט פאַסצינירן, נאָר דער גרעאַנגל פונעם פּאָלק פאַר זיין עצם־עקזיסטענץ. צום לירישן ליד וועט ער זיך אומקערן ערשט שפּעטער, אַ סך שפּעטער, ווען דער "בוים צווישן חורבות", לויטן נאָמען פון זיינס אַ בוך, וועט ווידער אָנהייבן בליִען, די וווּנדן פון חורבן וועלן זיך ביסלעכווייז פאַרציִען מיט אַ דינער הויט און עס וועט אויפקומען מדינת ישראל, וואָס וועט פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין זיין שאַפן.

עס האָט זיך אָנגערוקט די היטלער־מגפה און שולשטיין איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן פּוילן. ער באַזעצט זיך, ווי שוין דערמאָנט, אין פּאַריז. דאָרט לעבט ער איבער דעם חורבן, ווערט אַרעסטירט דורך די נאַצי־קאָלאַבאָראַנטן און פאַרשפּאַרט אין תפיסה. זיין מוט ווערט אָבער נישט געבראָכן. אויך דאָרט שרייבט ער לידער, וואָס ער וועט שפּעטער איינזאַמלען אינעם ציקל "לאַ סאַנסעי", לויטן נאָמען פון דער תפיסה, ווו ער איז פאַרשפּאַרט געווען. זיין מוט פאַרלאָזט אים אָבער נישט און ער דערלויבט זיך אַפילו אויף אַ דינער איראָניע אָדער גאָר גאַלגן־הומאָר, וואָס העלפט אַלע מאָל אַרויס אין שווערע סיטואַציעס. ער שרייבט אין איינעם פון יענע תפיסה־לידער:

"לאַ סאַנטעי - וואָס איז דער נאָמען אויסן?
לאַ סאַנטעי - געזונט אויף אונדזער לשון -
כ'זע שוין ווי אַזוי ס'געזונט קען אויסזען,
זיצנדיק דאָ וואָכן און חדשים.

לאַ סאַנטעי - מיר ווילט זיך אַזוי לאַכן,
איר נאָמען צודעקן מיט מיין געלעכטער..."

נו, עס האָט זיך נאָך געקאָנט וועלן לאַכן דעמאָלט. עס איז ערשט געווען דאָס יאָר 1941... שפּעטער קומען די שווערע יאָרן פון דייטשישער אָקופּאַציע, פון אויסבאַהאַלטן זיך אין אונטערערד, און ווען עס דערגייען צום דיכטער די ידיעות וועגן טאָטאַלן יידן־מאָרד און די דייטשישע טויט־לאַגערן אויף דער פּוילישער ערד, וועט אויפקומען זיין באַרימטע פּאָעמע "איך האָב געזען אַ באַרג", אַ באַרג מיט יידישע שיך אין מאַאַדאַנעק, אַ באַרג וואָס איז העכער פון מאָן בלאַן און הייליקער פון באַרג סיני, און ער זעט אין זיין וויזיע ווי זיי גייען די שיך..." רבנימס שטיבעלעטן, און שטיוול פּראָסטע און געמיין, פון פּראָסטע יידן, פון קצבים־שינדער און פון געשטריקטע שיכעלעך פון קינדער"... און זיי הערן נישט אויף צו גיין, די שיך, אַנטקעגן דער וועלט פון רשעות און רציחה. אָט די פּאָעמע וועט אים אַוועקשטעלן, שולשטיינען, אין איין ריי מיט לייוויקן, גלאַטשטיינען און אַנדערע גרויסע יידישע דיכטערס, וואָס האָבן אין זייערע שאַפונגען געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון אונדזער דריטן חורבן.

"איך האָב געזען אַ באַרג" איז בלויז איינע פון אַ סך לידער און פּאָעמעס וואָס משה שולשטיין האָט געשאַפן וועגן חורבן. מיר האָבן זי דאָ דערמאָנט ווי פּאַבייגייענדיק, ווייל זי איז גוט באַקאַנט איבער גאָר דער יידישער וועלט, ווו זי ווערט פּאַרגלייענט זינט יאָרן אויף געטאָ־אָנדענק־פאַרזאַמלונגען, אויפטרייסלענדיק ביז די טיפענישן יידישע הערצער. וואָס איך וויל אָבער דאָ באַמערקן איז דער פאַקט, אַז מיט אָט דער פּאָעמע און אַלע אַנדערע אויף דער חורבן־טעמאַטיק, האָט זיך אויסגעברייטערט שולשטיינס פּאָעטישער דיאַפּאַזאָן. ער איז טאַקע פאַרבליבן דער זעלבער בונטאַר און קעמפער קעגן אומרעכט ווי געווען, אָבער ער איז געוואָרן מער נאַציאָנאַל. די מיליע איז אַן אַבסאָלוט יידישע, טייל מאָל אַפילו איינגעהילט אין אַ רעליגיזן ציטער. אָט למשל זעט ער:

"אין פּוסטע, אין יידישע שטעטלעך פאַרהוילן,
אין עלנטקייט וואָגלט די שכינה פאַרהוילן."

אָדער נעמט אַזאַ אויפטרייסלענדיק ליד ווי "די טענה פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער אין טויטן־לאַגער". אָט ווי ר' לוי יצחק טענהט זיך אויס, לויטן דיכטער, מיט דעם רבונו של עולם:

איך, ר' לוי יצחק, זאָג דאָס דיר, דיין קנעכט און עזות פנים:
דו מעגסט דאָרט פון זיין שטעלע אָפּשאָפן דעם מלאך המוות,
דו קענסט אין גאַנצן שוין באַגיין זיך אָן אים,
ווייל ס'האָט פאַרביטן אים דער רשעותדיקער דייטש,
וואָס איז אונדז עוקר מן השורש, ווו נאָר וויסטע פעלדער, ראָוועס.
עד מתי, פרעג איך דיך, עד מתי, ס'טייטש?
אויב וועסטו, גאָטעניו, דאָס ווייטער לאָזן אַזוי גיין
קען דאָס, חלילה, אויסגיין נאָך צו דיר אַליין..."

היינט די גרעסערע דראַמאַטישע פּאָעמע "ביים פּנקס פֿון לובלין", וואָס איז דערשינען אין באַזונדערער בוך־פֿאָרם מיט אילוסטראַציעס פֿונעם באַרימטן מאָלער אַרטור קאָלניק און דערמאָנט אַזוי שטאַרק אין ביאַליקס "שחיטה שטאָט". באַזונדערס דער אַריינפֿיר צו דער פּאָעמע. אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען קערט זיך אום דער דיכטער צום ריטעם פֿון זיינע יוגנט־לידער, גלייך ער וואָלט וועלן אויפֿלעבן פֿאַר זיך אַליין די פֿאַרשוווּנדענע וועלט.

"בלוט אויף בלעטער הייליקע פֿון פּנקס –
טריוואַקס אויף זיין דורותדיקן זיגל,
נעם, בן עיר, און מיט באַגער און אייפֿער,
ווי אַ סם־געטראַנק מיט צוגעמאַכטע אויגן טרינק עס,
אַז דערשפּירן זאָלסטו אין זיין ברי די שׂרפֿה
ווו ס'האָט אויסגעברענט די מיטה און דאָס וויגל,
ווו ס'האָט אויסגעברענט דער עמוד און דער שטענדער
און די חופּה־שטאַנג און ס'ערשטע מאַן־און־ווייב־געלענדער..."

און ווי איז עס ביי ביאַליקן? "נעם אַן אַ האַרץ מיט שטאָל בן אדם, קום, גיי אין שחיטה־שטאָט" אאַוו... דער זעלבער ריטעם, דער זעלבער וויטאָג און פֿאַרביטערטקייט שלאָגט אַרויס פֿון די אָנגעגליטע שורות. מען וואָלט נאָך געקאָנט דערמאָנען צענדליקער, אפֿשר הונדערטער לידער שולשטיינס אויף דער חורבן־טעמאַטיק, וואָס זענען נישט וויניקער אויפֿטרייסלענדיק און קינסטלעריש פֿאַרטיפֿט, פֿול מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס און היסטאָרישער באַזיניקונג, כאָטשבי זיין דראַמאַטישע פּאָעמע "יהודה המכבי", ווו עס קרייצן זיך ווייטע געשיכטע און היינטצייטיקע ווירקלעכקייט. דאָ וואָלטן מיר געקאָנט שטעלן אַ פּונקט.

דאָס בילד פֿון שולשטיינס אַריילעבן זיך און מיטלעבן מיט דער חורבן־טעמאַטיק וואָלט אָבער נישט געווען פֿול ווען מען זאָל נישט דערמאָנען זיין בוך דערציילונגען א"נ "איבער די דעכער פֿון פּאַריז", וואָס איז דערשינען אין 1968 יאָר, דאָס בוך נעמט אַרום ניין גרעסערע דערציילונגען געבויט אין בעסטן סטיל פֿונעם פֿראַנצויזישן נאָוועלע־מייסטער גי דע מאָפּאַסאַן... די מערסטע דערציילונגען זענען געווידמעט די איבערלעבונגען פֿון פּאַריזער יידן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, אָדער ריכטיקער – די נאָכווייענישן פֿון דער אָקופּאַציע, פֿונעם חורבן וואָס האָט געלאָזן טיפֿע ווונדן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, פֿון וועלכע עס איז שווער זיך צו באַפֿרייען. אַזאַ איז די דערציילונג "איבער די דעכער פֿון פּאַריז", (צו דערמאָנען בלויז איינע וואָס איז אויך דער נאָמען פֿונעם גאַנצן בוך), דער מחבר שילדערט אַן עלטער פּאָרפֿאָלק וואָס לעבט, אויבנאויפֿיק, ווי אין אַן אידיליע, אָבער מיט אייניקע שטריכן בלויז דערמאָנט ער אונדז, אַז דער חורבן פֿון דער אַלטער היים, דעם שטעטל אין פּוילן, ווו די גאַנצע יידישע קהילה איז אויסגעראָטן געוואָרן, הויערט אויף זיי ביז די לעצטע טעג פֿון זייער לעבן. זיי שטאַרבן מיט אַ טראַגישן טויט, פֿאַרסמטע פֿון גאַז וואָס זיי האָבן געלאָזט ברענען אין קיך, און אויפֿן בעט, ווו זיי ליגן צוזאַמען ווי ביים לעבן, ליגט צווישן די צוויי מתים דאָס יזכור־בוך וואָס די פּאַריזער לאַנדסלייט האָבן אַרויסגעגעבן. און דורכן פֿענצטער וואָס די פֿייערלעשער האָבן אויפֿגעמאַכט, כדי דער גאַז־ריח זאָל אַרויס – פֿאַרענדיקט דער דיכטער זיין דערציילונג- "איז אַריין אַ קילער פֿרימאָרגן־ווינט, ער האָט אַרומגעפּלאַטערט אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטוב... ער האָט געמישט די בלעטער פֿון אַן

אָפּענעם ספר און אָט פון אַ פאַרגעלטן טייטש־חומש... האָט אַרויסגעכאַפּט פון די בלעטער זייער בשותפותדיקן איבערגעבליבענעם ניגון... און אַוועק מיט אים העט ווייט איבער די דעכער פון פּאַריז." ווען איר פאַרענדיקט לייענען די דערציילונג באַגלייט אייך דער וואַנדערנדיקער ניגון נאָך אַ גאָר לאַנגע צייט.

עס בלייבט נאָך צו באַהאַנדלען אַ וויכטיקן פעריאָד אין שולשטיינס שאַפן, וואָס איז ווייט צו פרי איבערגעריסן געוואָרן. ווי מיר האָבן שוין באַמערקט האָט משה שולשטיין אָנגעהויבן זיין שרייבערישן וועג ווי אַ דיכטער רעוואָלוציאָנער, אַ מיטגליד פון דער לינקער יידישער שרייבער־גרופּע אין וואַרשע, און מיט דעם וועג איז ער געגאַנגען אַ לאַנגע צייט ביז עס איז געקומען די טראַגישע אַנטוישונג, ביז דער "גאָט", אָדער געץ פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, ווי אַ מערדער וואָס האָט אומגעבראַכט מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, און צווישן זיי די קרוין פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, פון וועלכער משה שולשטיין, ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבערס אויסערן ראַטן־פאַרבאַנד, האָט געשעפּט אינספּיראַציע. איז עס געווען אַ טיפע טראַגעדיע פאַרן דיכטער. זיין אַנטוישונג און שווערע איבערלעבונגען נאָך זיין אידעישן צוזאַמענברוך האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק אינעם לידער־בוך א"נ "בלומען פון באַדויער", וואָס איז דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1959. דער נאָמען פונעם בוך איז אוודאי נישט גיין צופעליקער. ער רופט זיך איבער דירעקט מיטן לידער־בוך פון גרויסן פראַנצויזישן דיכטער שאַרל באָדלער א"נ "בלומען פון בייז", וועגן וועלכן דער מחבר אַליין האָט געשריבן אין 1886 צו זיינעם אַ פריינד, אַז ער האָט אינעם בוך "אַריינגעלייגט מיין גאַנץ האַרץ, מיין גאַנצע צערטלעכקייט, מיין גאַנצע אמונה, מיין גאַנצע שנאה". (ציטירט לויט דעם באַוווסטן איבערזעצער פון פראַנצויזישער פּאָעזיע, מרדכי ליטווין).

אַזוי ווי באָדלער האָט ער אַריינגעלייגט, משה שולשטיין, זיין גאַנץ האַרץ, זיין גאַנצע צערטלעכקייט און אויך זיין גאַנצע שנאה אין זיינע "בלומען פון באַדויער". ווייל ווי האָט עס דען געקאָנט זיין אַנדערש? מיט דער אַנטפּלעקונג פון די אכזריותן וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין נאָמען פון קאָמוניזם אין וועלכן דער דיכטער איז אַ מאָל געווען פאַרגליבט, מיטן מאָרד איבער די יידישע שרייבערס אין ר"פ איז פאַרלאָשן געוואָרן דער פלאַם וואָס האָט באַגייסטערט זיין יוגנט און זיין יוגנטלעכע שאַפונג; איז איבערגעריסן געוואָרן דער פאָדעם, וואָס האָט פאַרבונדן זיין היינט מיט זיין נעכטן. אין אַ רעצענזיע וועגן דער אַנטאָלאָגיע "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין", וואָס איז דערשינען אין ישראל און איז געווידמעט צוועלף אומגעבראַכטע יידיש־סאָוועטישע שרייבערס. שרייבט משה שולשטיין: "אָפּט נעם איך אין האַנט דאָס וואָגיקע און אימפּאָזאַנטע ספר... און רואיק און געלאַסן מיש איך זיינע בלעטער, ווי די יאָרן פון מיין אייגן לעבן. איך הער זיך איין צום ריטעם פון זיינע איינגעזאַמלטע שאַפונגען, ווי איך וואָלט זיך איינגעהערט צום גאַנג פון מיין פאַראַנגענער יוגנט... ס'וווערט מיר קיין מאָל נישט נמאס צו בלעטערן און בלעטערן דעם ספר און אַרויסצוהערן פון אים זיין עכאָ, ווי דעם עכאָ פון מיין אייגענעם עבר".

אַרויסהערנדיק אָט דעם עכאָ, קומען אויף זיינע "בלומען פון באַדויער", בלומען אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון זיינע פאַרערטע קאָלעגן־שרייבערס, בלומען פון אַן אויפריכטיק, ווייטיקנדיק האַרץ. לאָמיר זיך צוהערן, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, צו די רייד פון שולשטיינס בלומען:

"איך האָב געקליבן בלומען פון באַדויער
פון ווערטער - אות צו אות און טראָף צו טראָף,
צו זייער נישט פאַרגייענדיקן דויער.
כ'בין זייער נישט פאַרמעקטער עפּיטאַף.
פון מיין פאַרשעמט געהייליקט יידיש כתב
איך האָב געקליבן בלומען פון באַדויר"...

און אָט איז אַ קורצער פראַגמענט פון אַ צוויט ליד, וואָס לייענט זיך ווי אַ תפילה:

"...ביי דער שיין פון טונקעלן געדעמפטן ליכט
לאָמיר זיצן אַרום טיש און שווייגן ווי אבלים...

אפשר גאָר באַדאַרף מען נישט קיין שבחים און קיין רייד,
ווען די קעפּ ווי אַש־באַשיטע זענען פינצטער־כמאַריק.
ווי די זיידעם פלעגן זאָגן תהילים שטילערהייט,
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק".

אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט דער דיכטער אַליין אַ קאַפּיטל פרץ מאַרקיש. אין זיין באַלאַדע וועגן טויט פון פרץ מאַרקיש". געשריבן אין יאָר 1956 (די דאַטע איז דאָ זייער וויכטיק, עס איז אוודאי באַלד נאָך כרושטשאָווס אַנטפּלעקונגען), זעט ער אין דמיון ווי עס צערוקן זיך די פיר ווענט פון זיין צימער.

...און אַן אַנדער וואַנט פאַר מיין בליק איז דערשינען -
פון פראָסטן, פון ראַציקן, שטומפּיקן שטיין:
כ'זע אַ ווינט פון אַ תפיסה אין שיין פון באַגינען,
איך דריק צו מיין שטערן צו איר און איך וויין.
ס'איז דער שאָטן פון דיכטער אויף איר דאָרט פאַרבליבן,
די קויל האָט קיין שליטה אויף אים נישט געהאַט -
ער באַווייזט מיר דעם שטיין ווו זיין ליד איז פאַרשריבן,
פאַרקריצט מיט זיין בלוט ווי אויף אוראַלטן פּלאַט".

ווי טרויעריק, ווי טראַגיש איז אָט דאָס ליד וועגן אומקום פון דעם שטאָלצן דיכטער פרץ מאַרקיש, דעם דיכטער מיטן לייבן־קאָפּ און הייסן יידישן האַרץ, וואָס האָט געברויזט, פונקט ווי זיינע פערזן, מיט ליבשאַפט צום פאָלק און איבערגעגעבנקייט צום לאַנד פון די סאָוועטן. די ציטירטע באַלאַדע איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר שולשטיינס געמיט ווען מען פאַרגלייכט זי מיט אַ ליד זיינס געשריבן באַלד נאָך דער באַפרייאונג, אין וועלכן ער דערמאָנט אַן עפּיזאָד פון זיין לעבן אין פראַנצויזישן אונטערערד אין יאָר 1943. באַהאַלטן אין אַ צימערל אין פּאַריז, האָט ער "ביים ראַדיאָ־קעסטעלע געזוכט אַ טרייסט־ידיעה". און פּלוצעם האָט זיך פון מאָסקווע דערהערט די שטים פון זיין באַליבטן דיכטער, פון פרץ מאַרקישן. און, שרייבט שולשטיין:

"זי (די שטים) האָט דאָס ראַדיאָ־קעסטל דורכגעברענט,
דאָס ליכט אין אים איז הייליק אויפגעגאַנגען,
ווי כ'וואָלט מיין מאַמעס שבת־ליכט דערקענט,
וואָס זענען אינעם חורבן אויסגעגאַנגען".

ער האָט דעמאָלט אַוודאי נישט געקאָנט אָנען, משה שולשטיין, דער דיכטער־וויזיאָנער, אַז מיט אַן ערך אַ יאָרצענדליק שפּעטער וועט פאַרשטומט ווערן דאָס קול פון פרץ מאַרקישן און זיינע חברים, די יידישע שרייבערס און קולטור־שאַפערס אין

סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און ער וועט שוין קיין מאָל מער נישט הערן זייער שטים אינעם ראַדיאָ־קעסטעלע, די שטים וואָס אַ מאָל "איז הייליק אויפֿגעגאַנגען"...

מיט די "בלומען פֿון באַדויער" האָט זיך צום גליק נישט פֿאַרענדיקט משה שולשטיינס שאַפֿונגס־וועג. ער איז בייגעקומען אויך דעם טראַגישן פֿאַרלוסט, וואָס איז פֿאַר אים געווען סיי אַ פּערזענלעכער און סיי אַ פֿאָלקישער, און ער האָט געשאַפֿן נאָך אַ ריי וויכטיקע ווערק צווישן וועלכע עס הייבט אָן פֿאַרנעמען אַן אַלץ גרעסער אָרט די ישׂראלדיקע טעמאַטיק. באַזונדערס אינטערעסאַנט זענען זיינע ישׂראלדיקע רעפּאָרטאַזשן, וואָס זענען איינגעזאַמלט אין זיין פּראָזע־בוך א"נ "אַ רינג אין אַ רינג", אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אין יאָר 1975. זיינע נייע ביכער זענען אויך דורכגעוועבט מיט אַ סך לירישע לידער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער פֿאָלקסטימלעכקייט און ליבע צו נאַטור און מענטש.

וואָס שייך דער ישׂראלדיקער טעמאַטיק איז, דאַכט זיך, כּדי צו ברענגען גרעסערע פֿראַגמענטן פֿון אַ ליד, וואָס קאָן דינען ווי אַן אָריינבליק אינעם דיכטערס געפֿילן־וועלט. דאָס ליד הייסט "אַ בויםביים וועג" און דערמאָנט, פֿאַרשטייט זיך, לויטן ריטעם, דאָס אַלטע פֿאָלקס־ליד און אויך מאַנגערס "אויפֿן וועג שטייט אַ בוים". אָבער דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אַנדערן וועג און אַן אַנדערן בוים. אַ ביסל אַן ענלעכן מאָטיוו געפֿינען מיר ביי חיים גראַדען. שולשטיין שרייבט:

"אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן – –
צו זיין שאָטן האָב איך זיך
אין חמימה־שעה געצויגן,

פּלוצלינג וואָס האָב איך דערזען?
דער שאָטן איז אַנטלאָפֿן!
געטייט אויף מיר האָט יעדע צווייג
מיט מוסר־רייד און שטראָפֿן.

ווען מ'האָט מיך אַ מאָל געפּלאַנצט
מיט ערשטן זאַפֿט געזויגן,
האָסט דו מיך ווי אַ גר געווייכט
און אָפּגעקערט די אויגן

אויסגעהערט האָב איך דעם בוים
מיט פֿאַרוויינטע אויגן.
נישט דער בוים, נאָר איך ביים וועג
שטיי איצט איינגעבויגן.

אפֿשר איז גאָר רעכט פֿאַר מיר
צו שטיין אין פֿלאַם געצונדן
און וואָס דער שאָטן האָט פֿון מיר
זיך אָפּגעקערט, פֿאַרשוווּנדן"...

קיין קאָמענטאַרן זענען, דאַכט זיך, צו דעם ליד נישט נייטיק. איבעריקנס, האַלט איך נישט פֿון קאָמענטירן לידער. פּאָעזיע דאַרף מען אַליין דערפֿילן, איבערלעבן פּונקט ווי מוזיק און מאָלעריי. און יעדער איינער דערפֿילט עס ,לעבט עס איבער אויף זיין אייגענעם אופֿן... מען דאַרף אויך אַוודאי נישט קאָמענטירן שולשטיינס ליד א"נ "קאַטיושאַ", וואָס איז אַ דערמאָנונג אינעם באַקאַנטן רוסישן ליד וועגן קאַטיושאַן, וועלכע איז אַרויס צום ברעג טייך אויסקוקן איר געליבטן וואָס איז אַוועק אין קריג; אָבער עס איז אויך אַ דערמאָנונג וועגן דעם באַרימטן סאָוועטישן וווּנדער־געווער וואָס האָט געהאָגלט מיט טויט אויף די דייטשן און איז שפּעטער באַנוצט געוואָרן דורך די אַראַבער אין דער אויסמאַטערונגס־מלחמה קעגן ישׂראל נאָך זייער מפּלה אין 1967:

"ווי האָב איך דאָס געיחוסט זיך מיט איר, קאַטיושאַ
און מער נאָך, מיין לעבן איר פֿאַרטרויט.
איז מער ווי ס'פֿייער דיינס מיך ברענט די בושה,
אַז דער שליח ביסטו היינט פֿון טויט.

\- - - - - - - - - - - -

ס'באַהאַלטן קינדער זיך אין קעלערן און גריבער
ביינאַכט, ווען זייער טרוים פֿאַרבייטסטו אויף געוויין -
אַך, האָסט, קאַטיושאַ, אויסגענאַרט מיין ליבע
און איצטער לאַכסטו מיט מכשפה־ציין."

דאָס ליד האָט משה שולשטיין געשריבן אין 1969 בעת זיין באַזוך אין ישראל. ווי יעדן באַזוכער אינעם לאַנד האָט דעם דיכטער באַזונדערס אימפּאָנירט דער קיבוץ. בפרט אַז ער איז נישט געווען סתם קיין באַזוכער, ווי עס שרייבט מיט רעכט איינער פֿון די ישראלדיקע רעצענזענטן פֿון זיין לעצטן בוך, נאָר אַ מענטש וואָס האָט זיך ווירקלעך געפֿילט אין דער היים. און אַזוי טאַקע באַשרייבט ער דעם "שוסטער פֿונעם קיבוץ אלונים", אַריבערוואַרפֿנדיק אַ בריק פֿון דער אַלטער אַמאָליקער היים צו מדינת ישראל, וואָס איז געוואָרן אַ נייע היים פֿאַר יוחנן הסנדלר:

"...דעם קיבוץ דעם גאַנצן פֿאַרריכט ער,
ס'קומט דער קיבוץ דער גאַנצער צו אים,
ווער עס דאַרף שוין אַ זויל, ער, דער ריכטער,
קען בלויז פּסקנען אין אַלונים.

און אַ פֿאָדקעווע דאַרף מען פֿון אייזן
און ער גיט זיך מיט הדווה אַ כאַפּ
צו דעם ניגון פֿון אברהם רייזן
און צעזינגט זיך "אוי, העמערל. קלאַפּ"

קלאַפּ־זשע העמערל, שטאַרקער און גיכער!
אַזש עס דראָט מיט געפֿאַר יעדער קלאַנג
ווי פֿון שופֿר די ווענט פֿון יריחו
זאָל צעוואַרפֿן דעם צריף דאָס געזאַנג."

אין צום סוף נאָך איין קליינער פֿראַגמענט פֿון שולשטיינס אַ ליד, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין אופֿן שרייבן, פֿאַר זיין טיפֿן באַהערשן און קאָנען אָנווענדן דאָס פֿאָלקישע לשון, מיט וועלכן ער האָט ליב געהאַט פֿון מאָל צו מאָל זיך אַ שפּיל צו טאָן. דער נאָמען פֿונעם ליד איז "דער געטלעכער קוש":

"גאָט מיינער, זאָלסט מיר נישט געבן קיין קוש,
ווי דו האָסט שוין געגעבן אַ קוש אַן אַנדערן משה...
\- - - - - - - - - - - -
שוין גלייכער, שוין בעסער דו זאָלסט מיר געבן:
אַ לייג, אַ פּראַסק, אַ טערעבענץ,
אַ קניפּ, אַ כמאַל, אַ סטוסאַק צי אַ פֿליק -
אַלץ וואָס דו ווילסט, סיי דאָס און סיי יענץ,
מעגסט אַלץ מיר געבן,
נאָר נישט קיין קוש, איך בעט דיך, נאָר נישט קיין קוש,
נאָך וועלכן מען קאָן שוין נישט קושן צוריק
און פֿאַר וועלכן דו נעמסט אַזאַ טייערן פּריין:
דאָס לעבן"...

איך ווייס נישט וויפֿל תפֿילות שולשטיינס זענען מקוים געוואָרן, אָבער אָט די לעצטע תפֿילה האָט זיין גאָט נישט דערהערט. דער קוש איז געקומען און ער האָט באַצאָלט דעם פּרייז. ער איז אַוועקגענומען געוואָרן פֿון אונדז, דער דיכטער, און... זיין אָרט איז געבליבן פּוסט. זיין וואָרט, זיין ליד וועט אונדז שטענדיק אויספֿעלן.

פיניע פלאָטקין

# אַ בריוו

צו ליענאָטשקען - מיין אייניקל

צי וויסטו, טייערע, אַז צוליב דיר אַלץ טו איך
אין דיין געבענטשטער שטאָט, ווו האָסטיק לויפט די צייט
נו, זאָג, פאַרוואָס ביסטו אַזוי נישט רויק?
דערקלער, ווי אַ "דיזיינערין", וואָס דאָס באַטייט?

זאָל זיך נישט דוכטן דיר, אַז קיינער ווייסט נישט
ווי דו ביסט שיין, געוואָרן סטאַטנע, גרויס...
לעם שטוב, עס טרעפט, אַ יונגער טאָפּאָל בייגט זיך,
אַ צווייטער - ווי אַ סטרונע גלייכט זיך אויס.

זיי זיינען אויסגעוואָקסן שלאַנקע, הויכע,
ווי דו, ביז היינט, נישט לויט דער מאָסקווער צייט.
בלויז קינסטלער קענען זען ווי ביימער שמייכלען,
ווען ס'גייט אַרויס די זון, ווען די לבנה שיינט.

אַ לויב, אַ דאַנק דעם אומשטערבלעכן מאָלער,
אַוועלכער איז ביי אונדז אַן אפטער גאַסט.
פאַרגעס, אויב דיר האָט זיך נישט גוט געחלומט,
נאָר נישט פאַרגעס די יידישע, די שיינע גאָס.

מע דאַרף נישט נאָך סענסאַציעס זיך יאָגן -
נישט אַלץ ווערט פינקטלעך און גענוי דערציילט.
נו, זאָג, פאַרוואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן?
פאַרוואָס איז אויפן האַרצן דיר נישט ווויל?

דיך וואַשינגטאָן באַומרויקט, מאַנהעטען,
דו זעסט ווי טורעמס פלאַצן, ווי ס'ברענט און קאַכט,
און וואָס איז דאָרט פון אַלץ געבליבן שפעטער -
אין עטלעכע צוויי־דריי מינוט. דערנאָך?

דיר חלומט זיך: דער שד, דער טייוול האָסטיק
נאָך דיר מיט זיינע אונטערהעלפער לויפט.

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

שוין ביי דער שניידערין דיין חופּה־קלייד איז פאַרטיק,
אַ גאָלדענע מתנה כ'האָב פאַר דיר געקויפט.

אָקטאָבער, 2001

## די ערד די שיינע

צי דאַרף מען די שיינקייטן אירע באַשרייבן,
אויב זי איז אין גרונט צווישן שיינע די שענסטע
געווען און פֿאַראַן, פֿאַראַן און וועט בלייבן
פֿון הייליקע אַלע די סאַמע געבענטשטע.
שווער גלויבט זיך, אַז זי אין אַלוועלט איז בלויז איינע
געזונט און אומשטערבלעך, ווי פֿרילינג נישט עלנט,
ווייל זי איז געווען און געבליבן אַ שיינע,
פֿאַר וועלכע מע דאַרף אויף די קני זיך שטעלן.
יולי, 2001

* * *

ס'איז מיינע באַקאַנטע דערציילן כדאי
ווי איך, אַ סאָלדאַט, האָב לעם שפּרייע גערוט.
כאַטש טויזנטער גיב מיר אומזיסט - סיי־ווי־סיי
וועל איך דאָרט נישט בלייבן - ס'איז נישט מיין מאַרשרוט.
מיט יידיש בלוט איז ער אויסגעטונקט טיף -
גאַנץ מזרח און מערב אייראָפּע פֿאַרנעמט...
איך ווייס נישט ווי גרינג איז געפֿינען אַ ייד,
אַוועלכן באַזעצן זיך דאָרט איז באַקוועם.
דאָך זיינען אַזוינע פֿאַראַן, יאָ, פֿאַראַן
בא אונדז און באַ אייך, אין דאָרף און אין שטאָט.
צי ווייסן זיי נישט, אַז דאָרט יעטווידער שפּאַן
וועגן זעקס מיליאָן אומויפהערלעך דערמאָנט?
יוני, 2000

## פֿון דור צו דור

אונדז האָט מען אָן מורא געצווונגען
נישט שטייגן פֿאָרויס מיט דער צייט...
מיר האָבן געליטן, געהונגערט,
געלעבט פּונקט ווי אָרעמעלייט.

מיר צינדן אָן ליכט אין דער פֿינצטער,
מיר גייען אין שיל נישט געיילט,
מיר לעבן ווי אָרעמע קינסטלער
און שטאַרבן ווי אָרעמעלייט.

פֿאַר זיי שיין אין ראַדיאָ זינגט מען
באַגייסטערט, מיט פֿרייד, מיט געפֿיל
זיי שפּילן אויף קאָטערינקעס
אין פּאַריז, לעם האָטעל "דע־וויל".

זיי ווערן אין גאַס נישט פֿאַרלוירן,
זיי ווייסן פֿון אַלץ, דאָס באַטייט:
זיי לעבן אָפּ לאַנגע יאָרן
און שטאַרבן ווי אָרעמעלייט.

מיר זיינען נישט ניכטער, נישט שיכור
נישט עלנט, נישט קראַנק, נישט געזונט.
ווי עלטערע מענטשן מיר כניקען
און שווייגן, אויב שווייגן מע מוז.

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# דער זין - פון זיין

## (דערציילונג)

דער פּאָעט ווינאָוו - אַזוי האָט דער רעפּאָרטער אָנגעהויבן די באַשרייבונג - פון זייער באַגעגעניש - דער פּאָעט ווינאָוו איז געזעסן קעגן איבער מיר. ער האָט געהאַלטן אַ גלאָז אין האַנט. איך - אַ בלייפעדער. ער האָט געטרונקען קאָניאַק. איך? - איך האָבן געטרונקען דעם אַראָמאַט פון זיינע רייד.

ווער זשע איז ווינאָוו? דער רעפּאָרטער האָט דווקא געהאַט אַ באַדערפעניש צו לאָזן וויסן דער וועלט אַלץ וואָס ער ווייס וועגן פּאָעט. נאָר עפּעס אין אים האָט זיך קעגנגעשטעלט. ווייל דאָס וועט זיין אַ גרינגשעצונג פון דער אינטעליגענץ פון לייענער.

דער רעפּאָרטער פון ליטעראַרישן זשורנאַל "פּראָמעטעוס" האָט באַקומען אַ ווונק, ניט מער ווי אַ ווונק פון זיין רעדאַקטאָר ער זאָל זיך אַראָפּכאַפּן, ניין - אַרונטערכאַפּן - ניין - אַפילו ניט דאָס אויך. ער זאָל מיט די שטיוול אַריינקריכן אין ווינאָווס נשמה און אַרויסקומען מיט עפּעס, וואָס זאָל די ליטעראַרישע פיינשמעקער, די דילעטאַנטן איבעראַשן.

דער רעפּאָרטער האָט אַ קוק געטאָן אונטערן טיש. ווינאָוו האָט געטראָגן ווייכע, געמזענע לאַטשן.

ווינאָוו האָט פון דעם אַלעם ניט געוווּסט. ער איז אָנגעקומען אין דער מעטראָפּאָליע אויף די פליגלען פון זיין טרוים. די וועלטשטאָט. ער האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז אין דער מעטראָפּאָליע זענען דאָ כוחות, אויסער די איינגעשפּאַרטע עמיגראַציע באַאַמטע, וועלכע פאַרלאַנגען אַ מעטריקע, (וועלכע ער האָט ניט) אַ געזונטהייטס - באַשטעטיקונג; אַ דורכלויכטונג פון די לונגען - כוחות וואָס וועלן זיך פאַרלייגן אויף אים, ווינאָוון, איינשפּאַנען אין עפּעס אַ ליטעראַרישן וואָגן, אָנטאָן אַ ליטעראַרישן כאָמוט - ווייל ווי קאָן מען איינשפּאַנען אַ פערד אין אַ וואָגן אָן אַ כאָמוט?

אין ווינאָווס היימאָרט האָט אַ יעדער פויער פאַרשטאַנען די חכמה פון איינשפּאַנען אַ פערד אין אַ וואָגן. אויך אין דער מעטראָפּאָליע האָבן זיי געוווּסט וואָס זיי ווילן, נאָר מאַכן עס, דאָס האָבן זיי ניט געקאָנט - אַלנפאַלס - ניט מיט ווינאָוון. דער דאָזיקער פרייער גייסט האָט זיך ניט געלאָזט צוימען.

דאָס אַלץ האָט שוין דער רעפּאָרטער געוווּסט ווייל ווינאָוו איז ניט געווען קיין מענטש פון סודות. ער האָט אויך ניט געמאַכט קיין סוד פון די, אָדער פון דעם, וואָס איז אים ניט געווען צום האַרצן.

דער רעפּאָרטער האָט מיטגענומען אַ פלעשל קאָניאַק, אויף יעדנפאַלס. עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז ווינאָוו - ווי עס פּאַסט פאַר אַ רוסישן מענטשן - האַלט אין פאַרטרינקען דעם וואָרעם וואָס נאָגט אים. ווינאָוו האָט עס ניט אָפּגעלייקנט. מאָדנע מענטשן - האָט ער געטראַכט - צו וואָס דאַרפן זיי אַ מאָראַלישע פאַרענטפערונג צו טאָן עפּעס פון וואָס אַ מענטש האָט פאַרגעניגן?

אַ גלעזל קאָניאַק, אָדער וויסקי, כ'ווייס וואָס פאַראַ געטראַנק, וואָס טוט אַ ברי אינעווייניק, טוט אַ רודער מיט די געהירן - צו וואָס איז נאָך נייטיק די פאַרענטפערונג וועגן וואָרעם? סיידן מענטשן זוכן אַרויסצורופן מיטלייד, רחמנות...

מען דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס ווינאָוו טראַכט, האָט דער רעפּאָרטער ניט געוווּסט. אַניט - צו וואָס איז ער געגאַנגען נאָך אַן אינטערוויו, און זיך באַוואָפנט מיט אַ

פלעשל קאָניאַק דערצו. מען קאָן ניט פאַרבייגיין אַזאַ ענין, און ניט פאַרצייכענען וואָס אַ שטייגער דער רעפּאָרטער האָט געטראַכט. און געטראַכט האָט ער, אַז ער וואָלט מוחל געווען דעם אינטערוויו, דאָס פאַרבינדן זיין נאָמען מיטן נאָמען פון אַ כמעט באַרימטן פּאָעט - ווען ער אַליין וואָלט געקאָנט הנאה האָבן פון. דעם קאָניאַק...

ניט געקוקט אויף די קלעצער וואָס מ'האָט געלייגט אין וועג - איז דער פּאָעט ווינאָוו פאָרט אָנגעקומען אין דער מעטראָפּאָליע, און דער "פראָמעטעיוס" האָט געהאַלטן, פאַרן ווייל פון דער ליטעראַרישער משפחה, צו האָבן אַ שמועס מיטן פּאָעט. דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט זיין חשבון, דער רעפּאָרטער - וואָס אַן אמת - האָט אויך געהאַט זיין חשבון - ניט מער - ווען מען וואָלט די חשבונות פאַרגליכן - וואָלטן זיי ניט געשטימט.

עס וועט דאָך ניט שאַטן צו וואַרפן אַ שטיקל שיין אויפן כאַראַקטער - אויב ניט פון פּאָעט ווינאָוו - איז לכל הפחות אויפן כאַראַקטער פון רעפּאָרטער סימטשיק. געשניטן האָט זיך סימטשיק אויף אַ פּאָעט. הלמאי זאָלן מיר לייקענען - סימטשיק האָט זיך געשניטן אויף אַ סך זאַכן מיטאַמאָל, ס'האָט זיך אים געדוכט אַז אַ פּאָעטישער פייער האָט זיך אין אים צעפלאַקערט, ווי אַ שייטער. נאָר דער רעדאַקטאָר האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער. ווידער האָט ער געמיינט, אַז אָט, ער האָט דערפונדן אַ ניי יידיש וואָרט, (עס איז געווען דער יאָרצענדליק פון ווערטער דערפינדונגען...) און מיט דעם אָ וואָרט וועט ער אַריינשפּאַנען אין דער אייביקייט. **פאַרפליגלט** - ווער האָט שוין פאַר אים באַנוצט דאָס וואָרט? קיינער. איז אָט - ער האָט דאָס וואָרט. נאַטירלעך - ער האָט ניט געקאָנט, ווי אַרכימעדעס אַרויסלויפן אַ נאַקעטער אין דרויסן און שרייען: עורעקאַ! איך האָב געפונען! פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט די דאָזיקע דערפינדונג ניט געמאַכט אין דער וואַנע...

דער קאַלטער גזלן, דער רעדאַקטאָר, האָט אים אַ פרעג געטאָן, זייטיק אַזוי, ווו ער איז געווען ערב יום כפור, ווען יידן שלאָגן כפרות, און דעמאָלט טאַקע נייטיקן זיי זיך אין עפּעס, וואָס איז פאַרפליגלט. סימטשיק האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעשאַצט זיינע כוחות. נאָך דעם אַלעם בלייבט אַ רעטעניש: פאַרוואָס האָט סימטשיק דווקא געקלעפּט צום "פראָמעטעוס"? דאָס נעמען מיר זיך ניט אונטער צו פאַרענטפערן, ווייל אַפילו סימטשיק אַליין האָט ניט געוווּסט די סיבה דערפון.

ווינאָוו האָט ניט געהערט צו די גרויסהאַלטער, אַזעלכער וואָס וועט מיט סנאָבישער פאַריסנקייט זאָגן, אַז די וואָך איז ער שוין פאַרנומען; אַז אין דער צווייטער וואָך האָט ער בלויז איין שעה פריי, און ער מוז די שעה אויסגעפינען פון זיין סעקרעטאַרין. ניין - ווינאָוו האָט ניט געהערט צו די לייט. אַ מענטש קלינגט אָן, ווייל כאַפּן אַ שמועס - וואַליי, גוטער ברודער.

און אָט איז סימטשיק געזעסן מיט דעם פאַרשניצטן בלייפעדער קעגנאיבער דעם פּאָעט ווינאָוו, ווינאָוו מיט זיין געטראַנק פאַר וועלכן סימטשיק האָט אגב באַקומען אַ לויב, צוליב זיין קענטעניש און גוטן געשמאַק.

דערווייל האָט סימטשיק געשפּונען זיינע קאָמפּליצירטע פּלענער, ווי אַזוי - איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו איבעררעדן זיין רעדאַקטאָר.

פון וואָס האָט דעמאָלט געטראַכט ווינאָוו? ווינאָוו האָט געטראַכט, אַז די פראַנצויזן זענען געניטע ממזרים און פראָדוצירן אַ ביז גאָר פיינעם קאָניאַק, און אַז דער רעפּאָרטער סימטשיק איז נאָך אַלעמען - גאָר ניט אַזאַ ליטעראַרישער שלימזל - ווי לייט דערציילן

װעגן אים.

פֿאָרצױגן האָט זיך דער שמועס װעגן ליטעראַטור און װעגן לעבן און װעגן נאָך עפּעס. דאָס זענען געװען די פֿינטעלעך, װעלכע סימטשיק האָט געװאָלט, אַז דער פּאָעט אַלײן זאָל װעגן זײ דערצײלן. װינאָװ װידער האָט געהאַלטן אַז פֿאַרשװײַגן איז געזינטער, װי זיך צו פֿאַררעדן. איבערהױפּט װען ער האָט ניט קײן געהױבענע מײנונג װעגן די, װאָס פֿירן דאָ דאָס ליטעראַרישע רעדל.

סימטשיק האָט סוף־כּל־סוף פֿאָרט געװאָלט אַרײַן אין דער ליטעראַטור מיט אַ שטורעם, מיט דונערן און בליצן - דורך פֿאַרענטפֿערן כאָטש אײנע פֿון די ניט־פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגעס. צוערשט האָט ער געװאָלט פֿרעגן װינאָװן װעגן דעם, װער איז געװען פֿריער - די הון צי דאָס אײ? נאָר אַפֿילו סימטשיק האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פֿראַגע קאָן מען דעם פּאָעט ניט פֿרעגן. סוף־כּל־סוף איז װינאָװ אַ פּאָעט און ניט קײן פֿאַרמער...

נו - װאָס זשע האָט ער אים פֿאָרט געפֿרעגט?

ער באַשרײַבט אַזױ דעם אינטערװיו:

„װען איך האָב דעם דיכטער װינאָװ געטאָן אַ פֿרעג - װאָס איז אײגנטלעך דער זין פֿון זײַן: דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן? פֿון דער מינוט װען ער װערט געבױרן, איז ער דאָך לכתחילה אַ פֿאַרמישפּטער. איז װאָזשע: האָט דער מענטש עפּעס אַ שליחות צו דערפֿילן פֿון פּונקט א - ביז פּונקט - ב? נו - לאָמיר זאָגן: די בין האָט אַ שליחות צו מאַכן האָניק: די קו פּראָדוצירט מילך - אַ באַשטימטע, באַגרענעצטע - דערפֿאַר אָבער - קאָנקרעטע אױפֿגאַבע. אָבער דער מענטש? װי אַזױ, למשל, פֿאַרשטײט װינאָװ - זײַן זין פֿון לעבן? דער פּאָעט װינאָװ - שרײַבט װײַטער סימטשיק - האָט געטאָן אַ קוק אױף מיר מיט מילדע אױגן - אַ קוק אין זײַן גלאָז - װי ער װאָלט זיך געישובֿט: איבערלאָזן - אָדער אױסטרינקען: ער האָט אַװעקגעשטעלט דאָס גלאָז אױפֿן ראַנד פֿון פּאָטעל מיט דער זיכערקײט, אַז עס װעט ניט פֿאַרלױרן גײן. ער איז צוגעגאַנגען צום שרײַבטיש, גענומען אין האַנט אַ בוך, אַ מיש געטאָן די זײַטן אַהין און צוריק, האָט ער גענומען פֿאַרלײענען:

„דאָס שנײעלע"

„אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן, האָבן אירע געדאַנקען זיך אומגעקערט צו די טעג, װען זי איז געװען יונג, און צו דער פֿראַגע, װאָס איז קײן מאָל ניט פֿאַרענטפֿערט געװאָרן: פֿאַרװאָס? װאָס איז געװען דער זין פֿון דעם אַלעם? און דאָס װיכטיקסטע: װער? פֿאַר װעלכן צװעק איז זי געבױרן און אַראָפּגעשיקט געװאָרן אױף דער ערד - צו זײַן לוסטיק און אומעטיק; צו האָבן מאָמענטן פֿון גליק און מאָמענטן פֿון אומעט. צו פֿאַרגײן איז גאָרניט, צוגעצױגן װערן צו דעם בוזעם פֿון דער זון, און פֿאַלן צו דער אױבערפֿלאַך פֿון ענדלאָזן אָקעאַן.

אױף אַן אמת. דאָס מיסטעריעזע דערפֿון זעט אױס גרעסער, װי װען ניט איז - און זינלאָז. װוּ איז די לאָגיק? די נאַטירלעכע שײנקײט אין געבױרן צו װערן און דאָך שטאַרבן, צו לעבן און צום סוף גײן לאיבוד?"

נאָכער האָט ער אַ װײלע געשװיגן, זיך פֿאַרטראַכט און אַ פֿרעג געטאָן: װײסט איר װער דאָס האָט געשריבן? - אַן ענגלישער שרײַבער מיטן נאָמען גאַליקאַ...

***

װען װינאָװ איז ענדלעך געבליבן מיט זיך אַלײן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: צו װאָס קאָן נוצן דעם מענטשן די געניוע סיבה, אָדער אױפֿגאַבע, װעלכע ־ײן זײַן דאַרף

דערפילן. באַפרידיקט אים ניט דאָס זיין גופא - אַן און פאַר זיך? איז ניט גענוג דעם פּאָעט צו באַווייזן די שיינקייט פון דער וועלט? איר טרויער און איר בענקשאַפט? וואָלט אים לייכטער געווען דאָס אַוועקגיין - ווען עמעצער וואָלט אים פון פאָרויס פאַרטרויט צוליב וואָס ער איז געקומען?

דער באַוווסטזיין פון דעם צוליב וואָס וואָלט אָרעמער געמאַכט די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. עס וואָלט דערמאָרדעט דעם טרוים, די האָפענונג. דאָס וועלן אַנטפּלעקן אומבאַקאַנטע אויסמעסטונגען, דערגרייכן נייע, גייסטיקע הויכן...

אין זיין באַוווסטזיין האָט דער פיזישער פּראָצעס פון פאַרגיין ניט אַרויסגערופן קיין רעאַקציע. פאַרגיין. אים האָט באַפרידיקט דער ענטפער, וואָס ער האָט אַנומלט געהערט פון אַ דאָקטאָר, אויף דער פראַגע פון אַן אַלטער פרוי:

- האָסטו עפּעס געשפּירט, ווען דו ביזט געבוירן געוואָרן? דאָס אייגענע וועסטו פילן ווען דו וועסט פאַרלאָזן די וועלט...

ביי זיך האָט ער פון דעסטוועגן אָפּגעמאַכט: צוליב איין לויטערער. פּאָעטישער שורה, וואָס זאָל זיין דורכויס קונסט און וועט בלייבן אייביק - האָט געלוינט צו זיין אויף דער וועלט. אויך דאָס שנייעלע האָט זיך באַגייסטערט מיט דער שיינקייט פון באַשאַף - אַפילו אין דער קורצער רגע פון צעגיין.

להיפוך צו אַנדערע שרייבער, איז ווינאָווס שטייגער געווען צו לייענען אויך אַנדערע דיכטער. אָ, ניט די פאַרצייטיקע, נאָר דווקא די, וואָס פּרובירן אין דעם אומרו פון דער וועלט אַריינפּאַסן אַ ליד. און געשען איז, אַז דאָס אויג האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ שורה פון אַ ליד:

"די וועלט האָט זיך באַנייט ווי אָנגעטאָן אין אַ חופּה־קלייד"

נו - אַליין ברודערקע האָסטו מיטן חופּה־קלייד ניט מצליח געווען. (צו די אַלע זאַכן האָט סימטשיק אַרויסגעוויזן אינטערעס און געוואַרט, ווינאָוו זאָל זיך אַראָפּריידן פון האַרצן) - וועגן דעם האָט ער מיט זיך קיין וויכוח ניט געפירט. ניט איז ניט. מסתמא זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין דער רעם... אָבער יענער פּאָעט איז דאָס ניט אויסן.

וואָס טליעט אין דער נשמה פון יענעם פּאָעט? עפּעס מוז דאָך זיין אין זיין אונטערבאַוווסטזיין וואָס האָט אַ שטויס געטאָן די מחשבה. די פעדער - געלאָזן אין גאַנג דעם מעכאַניזם וואָס שאַפט דעם סימבאָל. אין דער רגע האָט ער באַנומען, אַז אייגנטלעך וואָלט ער דאָס געקאָנט ענטפערן דעם רעפּאָרטער סימטשיק. דער זין פון זיין איז ניט אין שטעלן פראַגן. דער סאַמע קליגסטער אופן פון פרעגן, ווי קינסטלעריש און האַרמאָניש דער צוזאַמפּשטעל פון דער פראַגע - וועט סיי ווי ניט ברענגען דעם באַפרידיקנדיקן ענטפער. מען דאַרף וואַרשיינלעך זוכן דעם ענטפער אין זיך - און ניט אין דרויסן.

און דעם פּאָעט ווינאָוו האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער וואָלט געקאָנט אַנטאַפּן דעם פונק, וואָס האָט אַרויסגערופן צום לעבן די שורה מיטן דיכטערישן חופּה־קלייד, וואָלט ער אפשר געפונען אַ שליסל.

***

און די פראַגע בלייבט הענגען אין דער לופטן, ווי אַ וואָלקן: מען זעט אים, מען שפּירט זיין אָנוועזנהייט, אָבער אָנטאַפּן - קאָן מען אים ניט.

ווינאָוו האָט אין געדאַנק אַ שפּאַן געטאָן צוריק דורך דורות - דורך קולטורן. ער האָט געזען די פאַרשריבענע בלעטער אויף וועלכע דער מענטשלעכער געדאַנק ראַנגלט זיך מיט זיין באַשאַפער און ווייל פון אים אַרויסבאַקומען אַ צייכן, אַן אָנדייט... ס'איז

משה בן שלמה (וואָלף) זאב

# פון ירושלים דליטא ביז ירושלים דישראל

## אלישבע כהן־צדק - איר שאַפן און לעבנס־וועג

""צדק. צדק תרדף" ("נאָך גערעכטיקייט, נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן")
דברים, שפטים טז, כ"א.
"כמעט פאַנאַטישע ליבשאַפט צו גערעכטיקייט און אַ חשק צו פּערזענלעכער זעלבשטענדיקייט, דאָס זענען אייגנשאַפטן פון דער יידישער טראַדיציע, וואָס צוליב זיי דאַנק איך מיין גורל דערפאַר, וואָס איך געהער צו איר" (פון אַלבערט איינשטיינס אַרויסזאָגונגען, 1938, - "די יידישע גאַס", 1995 נומ 4, ז' 103)

א.

אלישבע - אַ ביז גאָר זעלטענער נאָמען אין דער יידישער אַנטראָפּאָנימיק, אויך דער פאַמיליע־נאָמען "כהן־צדק" איז ביז די לעצטע יאָרן אין לאַנד, ווו זי האָט געלעבט, געאַרבעט און געשאַפן (ביז 1990) געווען ניט באַוווסט. דאָרטן האָט זי, ווי ס'רוב פון די יידישע קולטור־שאַפער, געמוזט פאַרמאַסקירן די צוויי אויסגעשפּראָכענע לשון־קודשדיקע ווערטער אויף אַ מער צוגעפּאַסטן פאַמיליע־נאָמען "קאַנצעדיק". מיט דעם דאָזיקן נאָמען איז זי אַריין אין דער יידישער און פּוילישער ליטעראַטור. און מיט דער שרייבערין אלישבע קאַנצעדיק האָב איך געהאַט די פּריווילעגיע צו זיין באַקאַנט.

35 יאָר צוריק, האָבן אין דעם יידישן זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" זיך באַוויזן אירע ערשטע פאַרצייכענונגען. ("בלעטלעך פון אונדזער היינט" - ס"ה 1966, נומ' 8; "שטאַרקער פונעם ווינט. - דער פאַלקס־קינסטלער", 1971, נומ' 1). פּערזענלעך האָב איך זיך באַקאַנט מיט אלישבע קאַצעדיק, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען רעדאַקטירן איר יידישן בוך "לידער בלייבן לעבן". איך האָב אים איינגעשלאָסן אין דעם פּראָזע־זאַמלבוך "איינינעם", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע (פאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל") אין 1988 פון דעמאָלט אָן זענען אונדזערע קאָנטאַקטן (אין דער רעדאַקציע פון דעם אָנגערופנעם זשורנאַל) געווען צופעליקע, פאַרמעלע און זעלטענע. יעדעס מאָל פלעגט זיך מיר אויסוויזן, אַז ניט געקוקט אויף מיין גוטער אָפּשאַצונג פון אירע ווערק ⟵

---

אים אויסגעקומען, אַז ער שטייט אויף אַ הויכן לייטער, אויף וועלכן עס פאַרמעסט זיך דער מענטשלעכער געדאַנק. ער וויל זיך אַרויפדראַפּען, מאַכן אָנשטרענגונגען. עס דוכט זיך: אָט איז עס אים געלונגען - נאָר אין לעצטן סך־הכל שטייט ער נאָך אַלץ פון אונטן, מיט די פיס אויף דער ערד.

ניט ווייסנדיק ווי אַזוי, האָט ער זיך ווידער צוריקגעקערט צו דעם חופה־קלייד, צום סוד, וועלכן יעדער מענטש ווערט ניט מיד צו אַנטפּלעקן אויף ס'ניי. דעם פּאָעט וואָס פאַרבינדט עפּעס מיטן חופה־קלייד און עס בלייבט פאָרט ניט דערזאָגט - מחמת ער איז ווי ווינאָוו אַליין, אָן אַ באַשייד צו דעם, וואָס עס פערמענטירט אין אים אומבאַוווסטזיניק.

דאָס וואָס סימטשיק איז מער ניט געזעסן קעגנאיבער אים, האָט ווינאָוו באַדויערט. דווקא איצט האָט ער אים געוואָלט אַ פראַגע טאָן:

-אָט האָט ער דעם שליסל צו דער פראַגע, וואָס וואָלט ער דערמיט געטאָן?

עס איז כדי צו לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן ווינאָווס אופן פון טראַכטן: אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס פרעגן איז בלויז אַ חנדל, אַז דער מענטש וויל גאָרניט וויסן דעם ענטפער, מעגלעך.

אויף געוויס קאָנען מיר דאָס ניט קאַווירן...

(זע די הקדמה פון דעם אויבן דערמאָנטן בוך - זז' 8-9) איז זי נישט פּאַראינטערעסירט אין נאָענטע באַציונגען, ווי זי וואָלט עפּעס טראָגן אין זיך סודותדיקס און מיך חושד זיין, אַז איך בין איינער פון ווערגעליסעס "סטוקאַטשעס", וועלכע פלעגן זיך אַרומדרייען אין דער רעדאַקציע.

פון יענער צייט זענען אַריבער 13 יאָר, ווי כ'האָב זי "פאַרלוירן". דערפאַר טאַקע האָט מיך זייער דערפריידט אלישבעס טעלעפאָן־רוף און נישט דערוואַרטענע טייערע מתנה - איר לעצט בוך "פאַרגעס־מיך־נישט" - באַקומענעם עטלעכע וואָכן צוריק, וואָס האָט מיך זייער אויפגערודערט. אַפילו דער נאָמען פונעם בוך אַליין - "פאַרגעס־מיך־נישט" האָט אַרויסגערופן זכרונות און קאָמפּליצירטע געפילן. (אויף אַ וויַיל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ רמז, אַדרעסירט צו מיר, גופא). און נאָר נאָך דעם לייענען און ווידער־איבערלייענען, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן דער תחית־המתים פון דעם פאַמיליע־נאָמען "כהן־צדק" און וויאַזוי (און אויך פאַרוואָס) ער איז בימים ההם אַסימילירט געוואָרן אויף "קאַנצעדיק".

אלישבע - די מיטלסטע פון דריי טעכטערלעך - איז געבוירן געוואָרן אין 1922 אין שטעטל אַווגוסטאָוו, ביאַליסטאָקער געגענט פּוילן. אין דעם זעלבן יאָר איז זי צוזאַמען מיט דער משפחה אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע - ירושלים דליטא. דער טאַטע - יעקב פייגענבערג, אַ מילדער מענטש פון דער נאַטור, איז געווען אַ פּאָפּולערער קינדער־דאָקטער, און אַ געזעלשאַפטלעכער טוער - אַ נקי־כפּימניק. פון פרי טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער זיין פאַרנומען מיט היילן זיינע פּאַציענטן. די מאַמע - די עקרת הבית, - אַ דיפּלאָמירטע לערערין און איינצייטיק אַן אַקושערקע - "אַ דעציִדירטע און אַן אַנטשלאָסענע", וואָס "האָט אַממערסטן ליב געהאַט די ווען ס'איז שלעכט", איז געווען צו אלישבען אַ סך נעענטער ווי דער טאַטע. זי איז געווען די קינדערס נאָענטסטער פריינד און זייער עצה־געבערן.

אין עלטער פון ניט פולע זיבן יאָר האָבן אלישבעס פריידענקענדיקע עלטערן זי אַוועקגעפירט לערנען אין דער פאָלקסשול א"נ. פון סאָפיע מאַרקאָווענע גורעוויטש, וועלכע איז געווען באַוווּסט אין שטאָט מיט די "לינקע" טראַדיציעס, וואָס האָבן דאָרט געהערשט. זייענדיק פון דער נאַטור אַ באַריידעוודיקע, האָט זיך אלישבע אויסגעטיילט מיר איר איבערגעגעבהייט און געטרייהייט צום קלאַס, מיט איר גוטהאַרציקייט, מיטגעפיל צו ליידנדיקע און גרייטקייט קומען צו הילף יעדן, וועלכער האָט זיך געניטיקט אין דעם, און אויך מיט איר אויפריכטיקייט, ערלעכקייט (זאָגן אַ ליגן איז געווען פאַר איר די שווערסטע זאַך") און אָפּטימיזם. אין די שפּעטערדיקע קלאַסן - אַן אַקטיווע אָנטיילנעמערין אין אַלע שול־אונטערנעמונגען - אין דראַם־קרייז, און באַזונדערס אין די ליטעראַרישע דיספּוטן, אין וועלכע זי איז געווען די פאַרטיידיקערן פון די אָרעמע און באַוועלטע. דער אַרטיס אלכסנדר גראַנאַך, וועלכער האָט איין מאָל דעהערט איר אַרויסטרעטונג, האָט מיט וווּנדער אַ זאָג געטאָן "אַ מיידעלע מיט אַזעלכע איידעלע, פּאַטריצישע הענטלעך רעדט מיט אַזאַ פלאַם וועגן פּראָלעטאַריאַט?"..."

אונטער דעם איינפלוס פון דער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין דער שולע און איר באַליבטן לערער מיכאל ראַבינאָוויטש (אַ מיטגליד פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) ווערט די יונגטשקע אלישבע אַריינגעצויגן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. הויבט אָן שרייבן רעוואָלוציאָנערע לידער. פאַרפּאַסט און פאַרשפּרייט אומלעגאַלע פלוגבלעטלעך. זייענדיק אַ שילערן פון זעקסטן קלאַס, ווערט

זי אַרעסטירט. (בעת דער אונטערזוכונג האָט דער מאַמעס שוועסטער אומבאַמערקט אַריינגעוואָרפן דעם העפט מיט אירע לידער אין פייער אַריין. ווייל זיי וואָלטן געווען אַ זאַכלעכער באַווייז פאַר איר אומלעגאַלער טעטיקייט) ווי אַ פּאָליטיש אַרעסטירטע שוואַרצט זי אָפּ וואָכן און חדשים, האַלט אויס אַלע פּייניקונגען און דערנידערונגען אין דער סאַנאַציע־תפיסה. פון דעמאָלט אָן פאַבלייבט פאַר איר דער פאַשיזם מיט זיינע אַלע אַטריבוטן דער שונא אויפן גאַנצן לעבן. אַלס אַ ניט דערוואַקסענע, ווערט זי פאַרמישפּט אויף אַ באַדינגלעכן טורמע־טערמין און ווערט באַפרייט אונטער דעם אחריותדיקן אויפזע פון אירע עלטערן. ניט געקוקט אויף אַלע שטרויכלונגען איז זי אין טיפער קאָנספּיראַציע ממשיך איר אונטערערדישע טעטיקייט – ווערט איינע פון די גרינדער פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע (קאָמסאָמאָל) אין דעם בורזשואַזן פּוילן.

אין 1939 פאַרענדיקט זי די ווילנער יידישע רעאַל־גימנאַזיע. אין דעם זעלבן יאָר ווערט זי אָנגענומען אין דער פּראָאַספּיראַנטור פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) דעם אָנקום פון דער רויטער אַרמיי און די איינשטעלונג פון דער סאָוועטישער מאַכט אין ליטע נעמט אויף עלישבע מיט גרויס פרייד און ענטוזיאַזם, וואָס איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן אַפילו דעמאָלט, ווען די נייע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַרויסגעוויזן אומצוטרוי צו די פּוילישע קאָמונסיטן. אין דער דאָזיקער צייט האָט אלישבע מיטגעאַרבעט אין דער ווילנער פאַריאָדישער פּרעסע.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשישע אַרמייען האָבן אָקופּירט די סאָוועטישע טעריטאָריעס (אויך ליטע), האָבן אלישבע און אירע עלטערן געפּראַוועט גלות אין אוזבעקיסטאַן. נאָכן אומקערן זיך פון דער עוואַקואַציע קיין ליטע, האָט אלישבע געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט, דרוקנדיק זיך אין פּוילישע, רוסישע און ליטווישע צייטונגען. אַ ריי דערציילונגען, נאָוועלעס און פאַרצייכענונגען אין יידיש. האָט זי פאַרעפנטלעכט אין דעם מאָסקווער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד". טייל פון זיי זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע, פּאַריז און בוענאָס־איירעס.

אין 1984 דערשיינט איר ערשט ביכל אין יידיש – "דערציילונגען און סקיצעס". אין 1988, ווי ס'איז אויבן אָנגעוויזן, אין זאַמל־בוך "איניינעם" איז אַריין איר בוך "לידער בלייבן לעבן". אין אין דער רוסישער שפּראַך איז דערשינען איר בוך "פּאָסטראָי סוואָי דאָם" ("בוי אויף דיין היים").

ניט גרינג איז אָנגעקומען אלישבען זיך דעצידירן צו פאַרלאָזן ירושלים דליטאָ און עולה זיין. זי איז געווען איינע (אויב נישט די איינציקע) פון די לעצטע יידישע שרייבערס, וועלכע האָבן פאַרלאָזט דעם אַמאָליקן ראַטנפאַרבאַנד. אַלע אירע אייגענע – די עלטערן,ביידע שוועסטערס, איר זון אַלעקסאַנדער מיט זייערע בני־בית – זענען שוין געווען אין ישראל און זי איז נאָך אַלץ – אין ווילנע. ביי אלישבען איז די בענקשאַפט צו זיי און "נאָכן אייגענעם לאַנד ארץ־ישראל, צו וועלכן זי האָט קיין מאָל ניט געשטרעבט, אָנגעוואַקסן בהדרגהדיק, אין איר אונטערבאַוווסטזיין".

גלייך נאָכן אָנקומען אין ישראל־לאַנד, אין 1990 הייבט אָן אלישבע כהן־צדק (נישט "קאַנצעדיק") צו אַרבעטן אין תל־אביבער יידישן וואָכנבלאַט "נייע צייטונג". אויך אין דעם ירושלימער אַלמאַנאַך דרוקן זיך אירע אַרטיקלען. אין 1996 האָט דער לייוויק־פאַרלאַג (תל־אביב) אַרויס געלאָזט איר לעצט בוך "פאַרגעס־מיך־נישט". אין גיכן וועט (לאָמיר האָפן – אין אַ מזלדיקער שעה) דערשיינען איר ניי בוך, וואָס געפונט

זיך שוין אין דרוק.

אין יאָר 1993 איז איר אַרבעט אָפּגעמערקט געוואָרן מיט אַ ליטעראַטור־פּרעמיע פון ער שטאָט אַשקלון פאַר יידיש־שרייבנדיקע מחברים.

ב.

אין אַ קורצן עסיי איז ניט מעגלעך געבן אַן איבערבליק פון אַלע אלישבעס שאַפונגען. דערפאַר וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די וויכטיקסטע פון זיי און אויף די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון איר סטיל און לשון.

ווי ס'איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, נאָך דער באַפרייונג פון ליטע קערט זיך אום אלישבע אַהיים און שליסט זיך איין אין דעם פּראָצעס פון ווידערויפבוי פון די סאָוועטישע קולטור־אַנשטאַלטן.

אלישבעס סטיל איז אַ דערציילערישער. אירע ווענדונגען צום לייענער, אָנגעשריבענע אין געשמאַקן מאַמע־לשון "בעטן" זיך מען זאָל זיי ניט נאָר לייענען בלחש, נאָר אויך בקול רם – זאָלן אויסגעהערט ווערן. די מאָלערייען אירע זענען אָנגעפילט מיט שטייגערישע דעטאַלן, אַ דאַנק וועלכע זיי דערשיינען פאַר דעם לייענער ווי רעאַלע געשעענישן און לעבעדיקע געשטאַלטן.

אין דעם בוך "לידער בלייבן לעבן". זענען אַריין דער שרייבערינס 14 נאָוועלעס און פאַרצייכענונגען. מיט שפּאָרע פּינקטלעכע ווערטער שילדערט די שרייבערין די חורבות צו וועלכע ס'האָבן זיך אומגעקערט די אויסגעמאַטערטע אין די עוואַקואַציע – ערטער, יידן:

"...דער וועג צוריק האָט געפירט דורך פאַרברענטע שטעט און טיפע דערפער. די ערד איז געליגן אַ פאַרגליווערטע, ווי זי וואָלט שוין מער ניט געקענט געבוירן. נאָר מענטשן האָבן געשפּירט איר שוואַכן אָטעם און זיינען געקומען איר צו הילף". ("די ערד אָטעמט"). דאָס זענען געווען טעטיקע מענטשן פון פאַרשיידענע דורות, פּראָפעסיעס און כאַראַקטערן. פאַראייניקטע מיט אַלגעמיינע אידעאַלן און שטרעבונגען.

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אלישבעס ליטעראַרישער שאַפונג איז איר נטיה צו באַשרייבן אירע העלדן ניט איזאָלירט פון זייער געזעלשאַפטלעכער סביבה. פאַרקערט! – אין צוזאַמענהאַנג און אין דער אינטימער פאַרבינדונג מיט איר – מיט קאָלעקטיוו, אין וועלכן זיי לעבן און בלייבן טעטיק. די שרייבערן קאָן גוט אירע העלדן. יאָרנלאַנג וווינען זיי מיט איר אין איין שטאָט און זענען באַוווסטע פאַרדינסטפולע מענטשן, וועלכע שטרעבן אויספילן דעם אָנזאָג פון אונדזערע אוראַלטע אָבות – "מהרו לעשות טוב" (אײַלט זיך טון גוטס").

אין אַלע אירע פּערסאָנאַזשן זעט זי נאָר דאָס ליכטיקע, זייער גרויסע מענטשלעכע ווירדע און זייער אומויפהערלעכע גרייטקייט צו זיין נוצלעך דעם פאָלק. אָט אַזעלכע שטייען אויף פאַר אונדז די יידישע סאָלדאַטן, אָפיצירן און לעגענדאַרע העלדן פון דעם אונטערערדישן קאַמף (סאָניע מאַדייסקער, איציק וויטענבערג, איזיע מאַצקעוויטש, די ברידער גאָרדאָן; די יונגע קעמפערן ליזע מאַגון און זלמן טיקטין, וועלכע זענען פאַרפייניקט געוואָרן אין געסטאַפּאָ). זיי און אַ סך אַנדערע האָבן העלדיש געקעמפט און מיט זייער קאַמף געראַטעוועט פון טויט טויזנטער אומבאַהילפיקע קינדער, פרויען און זקנים, – מיט דעם פּרייז פון זייער לעבן האָב זיי דערנענטערט דעם נצחון איבער דעם בלוטגיריקן שונא.

מיט די ערשטע ווערטער פון ליד "זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" האָט אלישבע אַנגערופן איר דערציילונג וועגן אירע חברים, וועלכע האָבן זיך

אַרויסגעריסן פון געטאָ און זענען אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. הירשקע גליק - גיט צו די שרייבערין - איז טאַקע ניט אַוועק פון אונדז, ווען ער איז אומגעקומען. איז ער "געליבן לעבן אין זיין ליד" (דאָרטן ז' 373). דאָס ליד פונעם יונג־אומגעקומענעם ווילנער פּאָעט הירש גליק זינגען אויך היינט מענטשן אין דער גאָרער וועלט. (דרך אגב - דאָס ליד האָט געזונגען אין יידיש דער באַרימטער שוואַרץ־הויטיקער פּאָל ראָבסאָן). איינער פון עלישבעס העלדן איז "זשאַן וואַלזשאַן, וויקטאָר הוגאָ'ס העלד" - דער 80־יאָריקער שמיד ישראל גוטמאַן: "... איז דער הויף אין אַלטשטאָט, פאַרביי וועלכן מע האָט געיאָגט אין 1941, אין דער נאַכט פאַר קאָלנידרע, (סאָוו, אויסלייג) טויזנטער מענטשן אַף פּאָנאַר, אָט דאָ, אין דעם אָרט האָט זיך יסראָעל אַריינגעריסן אין הויף, מיטשלעפּנדיק זיינע שכיינים, אַ מאַן מיט אַ ווייב, ראַטעוועט ער זייער לעבן" "סראָעל גוטמאַנס שטילער האַפן") נאָך פיל יאָרן פון קאַמף און ניט אויפהעריקער מי פאַרבלייבט דער אַלטער שמיד ניט צעבראָכן און ווייזט אַרויס צו יעדן מענטשן געדולד און גוטסקייט. ס'איז אַ חידוש - שרייבט אלישבע - "פונוואַנען נעמט זיך אין דער נשמה פון אַ מענטשן, וועלכן מען האָט אַזויפיל געשלאָגן און, וועלכער האָט אַליין ניט ווייניק געשלאָגן, אַזוי פיל צאַרטע ליבשאַפט צו מענטשן, אַזוי פיל פריינטלעכקייט צום שכן, אַ באַקאַנטן, אַ פאַרבייגייער?" (דאָרטן ז' 345)

מיט ליבע באַזינגט די שרייבערין די וועטעראַנען פון מי, וועלכע, ניט געקוקט אויף דער טיפע עלטער, זענען ממשיך זייער אַרבעט. אַזאַ איז דער בלינדער מוזיקער, קאָמפּאָזיטער און דיריגענט א. טייטעלבוים, - אַ זקן אין "מאָדנע ברילן מיט גראָבע צווייענדיקע גלעזלעך, און - דורך די ברילן - אַ ווייכער, צעשטרייטער בליק ון טונקעלע אויגן". ער האָט בשעתו פאַרפאַסט הונדערטער לידער, וועלכע מען פלעגט זינגען אין די שולן, נאָר זענען אין דער מלחמה פאַרפאַלן געוואָרן, און דאָך - זיינע "לידער בלייבן לעבן" (דאָרטן ז' 353).

רירנדיק איז די דערציילונג וועגן דעם 90־יאָריקון יובל פון דעם דאָקטער ליע באַסמאַן, וועלכע אַרבעט שוין 65 יאָר און טראַכט ניט וועגן רו. - "אַזאַ פשוטע, אַזאַ היימישע, מיט אַ מילד, העפלעך קאָל" (...) "דער אַבסאָליוט גלייכער שטייגער צו ריידן סיי מיטן הויפּט־דאָקטער, סיי מיט דער סאַניטאַרקע" (...) "קיין מאָל ניט באַטאָנען דאָס שלעכטע, נאָר אַרויסצוהייבן דאָס גוטע און פריידיקע - אין דעם אַלעמען האָבן מיר דערשפּירט איר קולטור"

אין דער לעצטער פאַרצייכענונג "זינגענדיק" זעצט פאָר אלישבע די טעמע פון ליד, וואָס שטאַרבט ניט. לעבט און באַשיינט דאָס לעבן. דאָס מאָל, אָבער גייט אַ רייד וועגן גאַנץ אַנדערע לידער, וועגן ביז גאָר אַנדערע מענטשן - דאָס זענען די יונגע - די קינדער און אייניקלעך פון זייערע העלדישע עלטערן - פריילעכע, לעבנלוסטיקע און גליקלעכע.

אין אַלע פאַרצייכענונגען און דערציילונגען פילט זיך דער אידעישער קרעדאָ פון דער שרייבערין - איר אני מאמין אין די יסודות פון דעם "מענטשלעכן אין מענטשן". - אין דעם אומפאַרמיידלעכן נצחון פון דעם גוטן איבער דעם שלעכטן, פון דעם לעבן איבערן טויט.

* * *

אין גאָר אַן אַנדערן נוסח איז אָנגעשריבן אלישבע'ס בוך "פאַרגעס־מיך־ניט". דאָס איז אַ ראָמאַן; אין תוך - אַ ספר זכרונות, אין וועלכן די מחברין, דעם דאָקטאָר'ס יעקב

פייגענבערגס טאָכטער און דערנאָך שלמה כהן־צדקס פרוי. אלישבע פאַרשטעלט זיך אין דער קינסטלערישער געשטאַלט פון דער הויפּט־העלדין אַסיע אַדעלסקי. דאָס גיט דער מחברין אַ מעגלעכקייט פאַרנעמען כלומרשט אַ "זייטיקע" פּאָזיציע. אַלץ וואָס קומט פאָר אין בוך, לעבט איבער און דערציילט אַסיע. אינעם ראָמאַן פלעכטן זיך איבער צוויי סיוזשעטישע ליניעס: די ערשטע פון זיי כאַפּט אַרום די דראַמאַטישע היסטאָרישע געשעענישן, אָנהויבנדיק פון סוף 30־קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ביז צו דער היינטיקער צייט. אויף דער היסטאָרישן פאָן פאָרעמט זיך אויס די צווייטע - דער פערזענלעכער, דער ראָמאַנטישער סיוזשעט - אַסיעס ליבע צו איר מאַן (און זיינע צו איר), וועלכע האָט במשך פון איר גאַנץ לעבן אויסגעהאַלטן אַלע נסיונות, אָנהויבנדיק פון די וואָגל־יאָרן בעת דער מלחמה (אין וועלכער איר מאַן האָט גענומען אַן אָנטייל אין די בלוטיקע שלאַכטן, און געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט); דערנאָך - די דערנידערונגען פון דעם נאָכמילחמהדיקן ווילדן סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם און דעם חורבן פון דער יידישער קולטור: און אויך די אַבסאָרבציע־שוועריקייטן אין ניי־אַלטן פאָטערלינד, ארץ־ישראל.

דער אינהאַלט פון דעם ראָמאַן איז ניט בלויז פערזענלעכע איבערלעבונגען און דורכגעמאַכטע געשעענישן. דאָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן פון אַ גאַנצן דור פאַרצויבערטע יונגע מענטשן, וועלכע זענען געווען פול מיט גלויבן, אין זייער שליחות צו איבעראַנדערשן די וועלט, מאַכן זי יושרדיק פאַר יעדן ערלעכן מענטשן. זיי האָבן געלעבט אין אַ צייט, וואָס איז געווען פול מיט גורלדיקע שטורמישע געשעענישן: - דער אָנגריף פונעם פאַשיזם אין אייראָפּע, די שרעקלעכע טראַגעדיע פונעם אייראָפּעישן יידנטום, דער קאַמף קעגן די נאַציס און דער מיט בלוט און טרערן באַגאָסענער נצחון איבער דעם באַרבאַרישן דייטשלאַנד.

דער גרעסטער טייל פון די באַשריבענע אין בוך געשעענישן קומען פאָר אין ווילנע. ווילנע, וואָס איז במשך פון אַ סך דורות געווען דער גלותדיקער צענטער פון יידישן גייסטלעכן לעבן, און צוליב דעם מיט רעכט געטראָגן דעם הייליקן נאָמען ירושלים דליטא.

די העלדין און אירע יוגנטלעכע חברים זענען פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם שטראָם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יענער צייט. ניט געקוקט אויף די פאַרפאָלגונגען פון די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען, אויף די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן פון די ענדעקעס און די פוילישע "פּאַטריאָטן", פאַרבלייבט פאַר זיי פוילן און, באַזונדערס ווילנע, זייער "אָיטשיזנאַ" - זייער פאָטערלאַנד.

נאָך דעם ווען פוילן האָט פאַרשפּילט די מלחמה, ראַנגלען זיך און קעמפן אַסיעס חברים אין געטאָ און אין די פּאַרטיזאַן־אָפּטיילונגען. די וואָס זענען ניצול געוואָרן און האָבן זיך אומגעקערט אין דער סאָוועטישער ווילנע, האָבן זיך באַלד דערפילט פרעמד - צוויי מאָל באַרויבט און אָפּגענאַרט - אין דער אַטמאָספערע פון אָנוויקסנדיקן בירגערלעכן און מלוכהשן אַנטיסעמיטיזם. די ביטערע לעבנס־דערפאַרונגען פון די דאָזיקע שטיפקינדער האָבן זיי סוף־כל־סוף געצוווּנגען זיך אָפּזאָגן פון אַלע אילוזיעס און אומקערן זיך אַהין, וווהין ס'האָט זיך אַוועקגעלאָזט דער גרויסער שטראָם פון דעם סאָוועטישן יידנטום - קיין ישראל. דאָרטן האָט אויך די הויפּט־העלדין פונעם ראָמאַן און איר משפחה, ווי אויך ס'רוב פון אַסיע אַדעלסקיס יוגנט־חברים געפונען "-אויב ניט די פאַרווירקלעכונג איז מינדסטנס עטוואָס נשמה־רו נאָך זייערע האָפנונגסלאָזע שטרעבונגען" (...) ד'אָ "שפּירן

זיי שוין ניט די אָפּגעפּרעמדקייט, וועלכע האָט דאָרט אין זייער אַמאָליקער היים, שכנים פֿאַרוואַנדלט אין שונאים" ("אַ וואָרט פֿון ערשטן לייענער" ז' 11)

אלישבעס זון, אַלכּסנדר כהן־צדק, אַ טאַלאַנטפֿולער קונסט־פֿאָרשער, וועלכער האָט ניט געקאָנט מער איבערטראָגן דעם אַנטיסעמיטיזם און דעם וואַנדאַליזם פֿון די שונאי ישראל איבער די יידישע קברים און מצבות אין פּאָנאַר, איז געוואָרן דער פּיאָנער אין דער משפּחה, וואָס האָט אָנגענומען דעם באַשלוס עולה זיין. ער איז געווען דער ערשטער לייענער פֿון זיין מאַמעס ראָמאַן. אין זיין פֿאָרוואָרט צום בוך האַלט ער. אַז "די שאַרפֿקייט פֿונעם געפֿיל פֿון אַ דעראָבערטן לאַנד" איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אייגנאַרטן פֿון דער יידישער מדינה. "די מערהייט פֿון אונדזערע שטאַמברידער" - שרייבט ער - איז נאָך ניט מיט אונדז. מיר גלויבן, אָבער, אַז זיי וועלן קומען און וועלן מיטברענגען מיט זיך די זכרונות פֿון זייער נעכטן, וועלכע וועלן זיין פֿאַר אונדז אַלעמען זייער אינטערעסאַנט. וואָרעם דער אמת פֿון אונדזער געשיכטע באַשטייט אין דעם, אַז יעדער טייל, פֿונעם פֿאָלק האָט אָפּגעהיט די פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַר אונדזער געמיינזאַמער צוקונפֿט" (דאָרטן, ז' 13)

אין דעם עפּילאָג דערציילט די מחברין פֿונעם ראָמאַן וועגן אַסיעס (אלישבעס) עליה און איר לעבן אין נייעם לאַנד. זי לאָזט רוען איר בליק־אויף די פֿלאַכע בערג פֿון עמק יהודה. יעדעס מאָל קוקט זי אויף דעם לאַנדשאַפֿט ווי אויף בראשית: "זי קוקט אויף דער אָט־אָ אייביקייט און באַמערקט ניט. ווי ס'וואַכט אויף אין איר" (...) "אַ שאַרפֿע בענקשאַפֿט נאָך דער צאַרטער נאַטור פֿון ליטע" (...) "היינטיקע נאַכט האָט זי דערזען אַן אָזערע אין נעפּל, און אויפֿן ברעג - העל־בלאָע קוויטן מיט ראָזלעכע הערצעלעך. דאָס זענען געווען די קלענסטע בלימעלעך מיטן שטילן נאָמען "פֿאַרגעס־מיך־נישט"

נאָר דערלייענענדיק ביז צום סוף, ווערט קלאָר פֿאַרן לייענער פֿאַרוואָס די שלימותדיקע און אויפֿריכטיקע אלישבע כהן־צדק, האָט מיט דעם נאָמען פֿון די שטילע העל־בלאָע קוויטעלעך אָנגערופֿן און פֿאַרענדיקט איר פּרעכטיקן ראָמאַן.

די אוהבֿי יידיש און אלישבעס נאָענטע און פֿריינד האָבן דאָ ניט לאַנג אָפּגעמערקט אירע גבֿורות. ווי פֿריער פֿאַרבלייבט אלישבע טעטיק, גייט אָן מיט איר שעפֿערישער אַרבעט און נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין דעם יידישן לעבן אין לאַנד. די וואָס קענען זי און אַלע לייענער, וועלכע קוויקן זיך מיט איר זאַפֿטיקן, אינטעליגענטן און שפּרודלדיקן ווילנער יידיש. טראָגן איר אונטער גרויסע בוקעטן מיט בלומען "פֿאַרגעס־מיך־נישט", וועלכע שעפּטשען: "מיר געדענקען דיך" און ווינטשן איר אַריכת ימים, נחת פֿון קינדער און אייניקלעך - עד מאה ועשרים. אָמן!

---

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די מערבֿ־שטאַטן פֿון אַמעריקע

אלישבע כהן־צדק

# דער פרילינג[1]

נאָך די ערשטע פרײַדיקע טעג האָט זיך די צײַט ווידער גענומען ציִען ווי פּעך. אַסיע האָט דאָ, אויף דער פרײַ, באַזונדערס שווער איבערגעטראָגן איר אָפּגעזונדערטקייט. שווערער פון אַלץ איז געווען אין די נעכט, ווען די פאַרשאָלטענע קלאָרקייט אין מוח האָט ניט געלאָזט שלאָפן, כאָטש דער שאָטן פון די קראַטעס האָט זיך שוין ניט געהוידעט פאַר די אויגן.

איין מאָל, ווען אַסיע איז פאַרטאָג אײַנגעשלאָפן, האָט זיך איר געחלומט, אַז זי לויפט אַרויס פון שטוב, גייט צו צום ווינקל פון קליין סטעפּן־גאַס, גייט אַרײַן אין דעם טומלדיקן הויף, ווו זי פלעגט מיטן טאַטן אין אַ קליינעם כאַלווע־פאַבריקל קויפן אַ האַלבן קילאָ פרישע כאַלווע, און קוקט אַרײַן אין דער דרוקערײַ דערנעבן, ווו מירעס פאָטער, דער דרוקער, מיט די גערדיכטע געל־ברוינלעכע וואָנצעס אַרבעט ביים פענצטער - שטעלט צונויף פון אותיות אַ קעפּל פון אַ בוך, אַרײַנאָטעמענדיק די גערדיכטע לופט, אָנגעזאַפּט מיט בליי. זי גייט אַרײַן צו מירעס פאָטער, גיט אַ פרעג: "מירע איז אין שטוב?" און לויפט אַרויף אויף די טרעפּ צו זיי אַהיים. מירע עפנט די טיר, און אַסיע דערזעט דער חברטעס מוטער - איר אויסגעצויגענע ווי אַ סטרונע הויכע פיגור, דעם לענגלעכן פאַרטראַכטן פּנים פון אונטער די קורץ־אָפּגעשאָרענע האָר. די מאַמע זיצט ביים קאַכל־אויוון, זי האָט ליב אַזוי זיך אָפּצורוען אַ ווײַלע נאָך שעהען האָרעוואַניע. דערזעענדיק אַסיען, גייט זי שווײַגנדיק אין קיך, זי רעדט בכלל זעלטן; באַלד וועט זי איר טאָכטערס חברטע מכבד זײַן מיט אַ שטיקל רעטשישניק, דעם באַליבטן מאכל אין דער דאָזיקער אָרעמער שטוב, וואָס באַקומט זיך ביי מירעס מוטער אַזוי מחיהדיק געשמאַק.

אַסיע האָט, אויפכאַפּנדיק זיך, נאָך געשפּירט אין מויל דעם טעם פונעם רעטשישניק...

ניין, זי וועט ניט אַרײַנגיין צו מירען אין דער דאָזיקער היים, ווו איינער פון די זין, אָדער די עלטערע טאָכטער זיצן נאָך אין טורמע פאַר קאָמוניזם. און מירע וועט ניט קומען צו איר, צו אַסיען, דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן, ס'איז פאַר זיי ביידע סכנות נפשות...

אוי, ווי ס'ווילט זיך צו די חברה!

מען דאַרף זיך אָנגעמען מיט געדולד און וואַרטן. אַרויסגיין טאָר מען נאָר מיט די עלטערן. אַ מאָל נעמט דער טאַטע מיט אַסיען, ווען ער פאָרט צו קראַנקע. אָפט פלעגט ער, נעמענדיק אַ דראָזשקע, רופן די טעכטער - פאַרן זעלבן געלט - זיך אַדורכפאָרן אין שטאָט. אַסיע פלעגט ניט וועלן: זי פלעגט זיך שעמען צו זיצן, ווי אַ גבירטע, אין דראָזשקע. טאָמער פלעגט זי וועמען פון די חברה דערזען, פלעגט זי פאַרברענט ווערן פאַר בושה.

איצט, אַ פאַרשפּאַרטע אין הויזאַרעסט, פאָרט זי מיט מיטן פאָטער, ווען נאָר עס לאָזט זיך.

דער טאַטע קוקט דורך זײַנע "אָזע"־צעטלעך, זײַן רשימה פון די אַדרעסן; הײַנט פאָרן זיי צו ערשט צום בעקער דאָן אויף גלעזער־גאַס.

1) פונעם בוך "פאַרגעס מיך ניט". דערשינען אין ה. לייוויק פאַרלאַג, 1996.

דער טאַטע קען שוין לאַנג די משפּחה, די ניין קינדערלעך, קליין ווי באָב, וואָס יאָגן זיך אַרום אין דרויסן, די דירהטשקע אויפֿן פּערטן גאָרן, אויף דער סאַלקע, און די בעקעריי אין קעלער, ווו ער, דער באַלעבאָס - "שמיר מיר אַ דאגה" - מיט זיין ווייב און אַ פּאָר עלטערע קינדער, רוקן אין אויוון דאָס טייג, שלעפּן אַרויס לעבלעך הייסן, שמעקעדיקן ברויט, באַשמירן מיט געלכלעך די בולקעס, באַקן די שוואַרצע קיכעלעך, שטעלן אויף שבת טשאָלנט, טאָג און נאַכט זיינען זיי דאָרט אין קעלער. קליינוואַרג פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס אָדער יאָגן זיך אַרום, נאַקעטע און באָרוועסע, איבער די גאַסן.

יענעם טאָג, געווען איז עס בעת אַ שלאַקסרעגן, איז דאָס קלענסטע מיידעלע אַרויפגעקראָכן פון דער סאַלקע אויפֿן דאַך, זיך אויסגעגליטשט, דערלאַנגט אַ פּאַל אַראָפּ, און וואָלט געווען זיך צעממיתט אויף טויט, ווען ס'גייט גראָד ניט פאַרביי אַ גוי מיט אַן אָפענעם שירעם. דאָס קינד איז מיטן גאַנצן אימפעט געפאַלן אויפן שירעם, אים צעבראָכן, אַליין זיך צעדראַפּעט, אָבער לעבן געבליבן.

– איר דאַרפט בענטשן גומל, רב דאָן – האָט אַסיעס פּאָטער געזאָגט, באַטראַכטנדיק דאָס קינד - זי האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן.

אין דעם מאָמענט האָט עמעץ דעם בעקער אַרויסגערופן. פון קאָרידאָר האָט זיך באַלד געלאָזט הערן אַ הור־האַ - צוויי מענערשע שטימעס, אַ באַס און אַ קוויטשעדיק קול - האָבן איינע די אַנדערע איבערגעשריען: דער געדיכטער באַס האָט געשריען אויף פּויליש: "דו וועסט מיר יאָ אָפּקויפן דעם שירעם", און דאָס קוויטשעדיק קול האָט כסדר דערווידערט: – "ניע מאַם! איך האָב ניט! כ'האָב ניט קיין געלט אויף קיין שירעם" און צוגעגעבן אויף מאַמע־לשון זיין שטענדיקן זאָג: "שמיר מיר אַ דאגה!"

זיי האָבן זיך לאַנג געאַמפּערט. ביז דאַנס יידענע האָט ניט צוגעטראָגן דעם גוי אַ גלעזל משקה, געבראַכט אַ זאַק מיט פרישע בולקעלעך, פאַררעדט אים די ציינער און אַרויסבאַגלייט פון שטוב.

די טעג ווערן לענגער. און וויטען גיט זיך איצט עפּטער איין אַרויסצושמוגלען פון שטוב און קומען צו אַסיען.

– וויטע, ווי פאַרבינדט מען זיך מיט דאַנילינקען? איך האָב געזען, אַז ער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן נאָך דאַן, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין דער פּרעווענטיווער טורמע, די מיידלעך האָבן געזאָגט, אַז ער האָט פון אָנהייב זיך פעסט געהאַלטן, אַריבערגעטראָגן שווערע קלעפּ. אָבער ווען מען האָט אים געדראָט מיט אַ שוידערלעכער פּייניקונג, ווען דער פּאַליציאַנט האָט אַ זאָג געטאָן צום אויספאָרשער בעתן פאַרהער אין דעפענסיווע "באַלד וועלן מיר אים קאַסטרירן, דער מעסער איז פאַרנומען ביי קאַרפּאָוויטשן" - האָט ער פאַרלאָרן די זעלבסטבאַהערשונג און עפּעס איבעריקס זיי געזאָגט, אָדער אונטערגעשריבן. גענוי וואָס - האָט ניט רבקה, ניט לוסיע געוווּסט.

מיר דוכט זיך, אַז ער מיידט איצט אַלעמע אויס. אַזוי האָב איך געהערט. דערצו היט מען אים מסתמא מער פון אַנדערע. אָבער אפשר האָט אים כאָטש ווער עס איז געזען? אפשר דאַניע דער גרויסער? זיי חברן זיך דאָך נעענטער די לעצטע צייט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאַניע האָט אים טאַקע יאָ געזען, געקומען צו אים אַהיים. דאַנילינקע האָט זיך אָבער אפילו ניט דערפרייט, וועגן קיין זאַך ניט געוואָלט ריידן און נאָר אַ זאָג געטאָן: "איכ'ל אַלץ פאַרריכטן!" אָן אפשר האָט ער דאַניען געזאָגט מערער, אָבער דאָס איז געווען ביי זיי אַ שמועס אונטער פיר אויגן. וועגן וועלכן

אַנדערע דאַרפֿן ניט וויסן? שווער צו זאָגן, יעדנפֿאַלס האָט זיך וויטען איינגעגעבן צו דערוויסן פֿון דאַניען בלויז דאָס, וואָס וויטע האָט איצט איבערגעגעבן אַסיען.

פֿון די אַרעסטירטע האָט אַסיע געמעגט זען נאָר לוסיען און רבקהן, ווייל זיי זיינען געזעסן צוזאַמען, ווען זיי האָבן זיך דעם ערשטן מאָל געטראָפֿן, האָבן זיי זיך גענומען דערמאָנען די תּפֿיסה, באַזונדערס דאָס קאָמישע אין זייער דעמאָלטיקן לעבן. אָבער בעת דער צווייטער באַגעגעניש, און דערהויפּט בעת דער דריטער, האָט זיך שוין דער שמועס ניט געקלעפּט. דאָס האָט אויסגעוויזן מאָדנע. דאָרט, אין טורמע, פֿלעגן זיי דאָך ריידן שעהענלאַנג. אַסיען האָט איצט אפֿילו פֿאַרדראָסן, וואָס זי האָט זיי דעמאָלט פֿאַרטרויט אירע סודות. זיי זיינען דאָך צופֿעליק געוואָרן אַזוי נאָענט און קענען זיך איצט פֿונאַדערגיין פּונקט אַזוי לייכט, ווי זיי זיינען זיך דאַן צונויפֿגעקומען. לוסיע האָט, ווייזט אויס, אויך אַ קלער געטאָן דאָס זעזלבע, ווייל זי האָט געזאָגט:

– נו, מיידלעך, אַלץ, וואָס מיר האָבן דעמאָלט גערעדט, בלייבט צווישן אונדז, גוט?

– מיר האָבן דען עפּעס אַזוינס גערעדט? איך האָב שוין אַלץ פֿאַרגעסן – האָט צוגעשטימט רבקה.

* * *

דער פֿרילינג איז דאָס יאָר אָנגעקומען פֿאַר דער צייט. די לעצטע פֿעברואַר־טעג זיינען שוין געווען זוניקע. אָנהייב מאַרץ איז צעגאַנגען דער שניי, און די רינשטאָקן האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין ברייטע, לוסטיקע ריטשקעלעך, אויף וועלכע ס׳פֿלעגן זיך האַסטיק יאָגן די ערשטע פּאַפּירענע שיפֿלעך פֿונעם קליינוואַרג.

אַנומלט האָט מען געראַמט די שטוב, געוואַשן די פֿענצטער, אָנגעריבן מיט וואַקס די פּאָדלאָגעס. העלפֿן ראַמען זיינען געקומען צוויי חלוצקעס פֿון סובאָטש־גאַס, פֿון די גרויע "ביליקע הייזער", ווו די חלוצים האַלטן זיך אויף. זיי זיינען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אַהער, קיין ווילנע, פֿון ביאַליסטאָק און וואַרשע, פֿון פּוילישע שטעט און שטעטלעך, פֿאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, געלעבט אין ענגשאַפֿט, געשלאָפֿן אויף צוויי־דריי־שטאָקיקע נאַרעס, געטאָן יעטוועדע אַרבעט, אַבי אויפֿצוזאַמלען געלט און פֿאָרן צוזאַמען קיין ארץ־ישׂראל, שאַפֿן קיבוצים, בויען דאָרט דאָס אייגענע לאַנד.

פֿאַרשיידענע זיינען זיי געווען – אייניקע פֿון אָרעמע היימען, פֿון ביטערער נויט, אַנדערע – פֿון פֿאַרמעגלעכע "לייטישע" משפּחות, ווו טאַטע־מאַמע האָבן פֿאַרגאָסן טרערן אויפֿן קינדס גורל. אָבער דאָ זיינען זיי אַלע געווען גלייך, געמוזט זיך לערנען טאָן אַלץ און קענען לעבן אין איינעם.

נעכטן זיינען, שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, געקומען חיה און רחל. חיה – אַ מויד אַ ברען, פֿלעגט זיך ניט אַרומזען, ווי די אַרבעט פֿלעגט פֿלינק ווערן געמאַכט. און אַלץ פֿריילעך, מיט אַ זונג און געלעכטער:

וווּ ביסטו געווען, ווו ביסטו געווען,  
טאָכטערקע מיינע געטרייע?  
אויף אַ קופּע היי, מיט שומרים צוויי,  
מאַמע, ס׳איז געווען אַ מחיה!

די איידעלע רחל מיט די גינגאָלדענע געקרייזלטע האָר, צונויפֿגענומען אין אַ קנופּ, מיט די גרינע אויגן און מיט אַזאַ צאַרטער, ווייסער הויט, אַז די אָדערלעך פֿלעגן זיך זען אויף די שלייפֿן – האָט, אויסוואַשנדיק דעם פֿענצטער און צוזעצנדיק זיך אַ ווײַלע, געלערנט אַסיען איר באַליבט ליד, וועלכן זי האָט שוין דאָ אַ מאָל געזונגען, און וואָס איז אַסיען אַזוי געפֿעלן:

דער לעצטער פויגל שוין פֿאַרפֿלויגן
אין די ווייטע ווייטן,
און דער טרויער מיט זיין בויגן
קומט שוין אָן צו רייטן...

מען האָט זיך געזעצט עסן מיטיק, די מאַמע האָט געוואָלט אַלעמען אַריינגיסן זופּ, אָבער די מיידלעך האָבן, ווי אַלע מאָל, זיך אָפּגעזאָגט און אַרויסגעצויגן זייערע פּיידעס ברויט מיט ביליקן ווורשט, אָדער מאַרמעלאַד.

אויף צו מאָרגנס איז אַסיע אויפֿגעשטאַנען, געעפֿנט דעם פֿענצטער, טיף אַריינגעאָטעמט די פֿרילינגלופֿט, אַראָפּטרייסלענדיק פֿון זיך די מידקייט נאָך דער כמעט שלאָפֿלאָזער נאַכט. זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן לוח, ס'איז געווען דער פֿערטער מאַרץ, און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט איז "קאַזיוק" - דער טאָג פֿונעם פּילפּאַרביקן באַלעבטן יאַריד, וועלכער פֿלעגט זיך יאָר־יערלעך אין טאָג פֿון הייליקן קאַזימיר עפֿענען אויף לוקישקער פּלאַץ.

מאַמע, לאָמיר גיין אויפֿן יאַריד!

דער פֿאַרבלאָטיקטער לוקישקער פּלאַץ האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט מענטשן, געפֿינקלט מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגן־בויגן, פֿול געווען מיט פֿריילעכן גערודער. שוין אונטערוועגס פֿלעגן די הענדלערס איבערכאַפּן איינער ביים אַנדערן דעם קונה. פֿאַרקויפֿערס זיינען געווען באַהאָנגען מיט שנירלעך בייגל און בייגעלעך, מיט אַלערליי פֿאַרביקע צאַצקעלעך, מיט קינסטלעכע פֿאַווע־פֿעדערן און פֿאַפּירענע בלומען, מיט פּליושענע מאַלפּקעלעך, וואָס פֿלעגן זיך הוידען אויף גומקעס אונטערן טאַקט פֿונעם אַלטן "קאַזיוק"־פּיזמון:

ניט עס עסט, ניט עס טרינקט,
אָבער סע לעבט און סע שפּרינגט!
- צעבערס, צעבערס, הילצערנע עמערס!
- פּעסלעך, דעמבענע פּעסלעך, פּרימאַ צו זאַלצן קרויט!
- לעפֿל, הילצערנע לעפֿל!
- קאָשיקעס, אַלערליי קוישן!

אין דער טיף פֿון יאַריד, אין אַ בונט־אויסגעפֿאַרבענעם באַלאַגאַן, איז אויפֿגעטראָטן אַ קונצן־מאַכער. דערנעבן האָט מען אויף סטראַגאַנעס פֿאַרקויפֿט קיכעלעך אין געשטאַלט פֿון הערצער. שעפֿעלעך און שוועמעלעך, באַגאָסענע מיט קאָלירטן לאַקריץ. די זון האָט געפֿינקלט אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון די קאַלוזשעס, און אויף דער גלאַטער גלאַזור פֿון די שפּאָגל־נייע, נאָר וואָס פֿון אויוון אַרויס לימענע טעפּ און שיסלען. אַלץ האָט דאָ געשפּרודלט מיט לעבן, און אַסיען איז מיט אַ מאָל געוואָרן אומהיימלעך פֿון געדאַנק, אַז דאָ, דערנעבן מיט דער מענגע פֿרייד - איז אויך אַזוי פֿיל טרויער: פֿון איין זייט לוקישקער פּלאַץ, הינטער אַ געמויערטן ווייסן פּלויט, האָבן זיך געצויגן צום הימל די טורעמס פֿונעם קלויסטער פֿון הייליקן יאַקוב, ווי ער וואָלט טאָג און נאַכט שטום געוואַכט ביים שפּיטאָל, וואָס איז געשטאַנען צו פֿוסנס פֿון אים; פֿון דער אַנדערער זייט פּלאַץ האָט מרה־שחורהדיק אַראָפּגעקוקט אויפֿן בונטן יאַריד דער שווערער, פֿאַרשמידטער אין טונקל־גרויען גראַניט בנין פֿון קרייזגעריכט. און עטוואָס אין אַ זייט האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַ שטיל געסל די לוקישקער טורמע - די גרעסטע תּפֿיסה פֿון שטאָט.

ווען וועט זיין דער מישפּט? ווען וועט מען מישפּטן און וועמען ניט? ס׳איז אַוועק אַ קלאַנג, אַז לגבי דעם רוב אַרעסטירטע וועט דער ענין געשלאָסן צוליבן מאַנגל אין באַווייזן. איבערהויפּט איז עס נוגע די מינדעריעריקע; אין שול אָבער וועלן זיי מעגן אָנהייבן גיין נאָר נאָכן מישפּט.

אַסיען האָט זיך שוין מער ניט געוואָלט זיין אויפן יאַריד. זיי האָבן מיט דער מאַמען געקויפט שפּילצייג פאַר לילקען און זיינען אַוועק אַהיים.

...די שווערע איינטאָניקע טעג פון דער שטוביקער איזאָלאַציע האָבן זיך פאַרענדיקט ערשט אין אַפּריל. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט דער טאַטע געבראַכט די צייטונג און, דערלאַנגענדיק זי אַסיען, אויפגערעגט אַ זאָג געטאָן:

– מאָרגן! מאָרגן איז דער מישפּט.

איצט איז שוין געוואָרן אומדערטרעגלעך צו זיצן אָפּגעזונדערט אין דער היים, קיינעם ניט זען. אַסיע האָט זיך קוים דערוואַרט צו כאַפּן די צייטונג מיטן באַריכט פון דעם מישפּט. דאָרט איז צווישן אַנדערן געשטאַנען:

...בעתן מישפּט האָבן די אָנגעקלאָגטע זיך ניט מודה געווען אין דער שולד און האָבן פולשטענדיק געביטן זייערע פריערדיקע באַווייזן. מאַזור האָט געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט בעת דעם ערשטן פאַרהער אין דער פּאָליציי, איז ניט אמת: אַז קיין שום פלוגבלעטלעך מיט רעוואָלוציאָנערע אויפרופן האָט אים זשוק ניט געגעבן, און די, וועלכע מען האָט ביי אים יאָ געפונען, האָט ער, צו זיין גרעסטער שטוינונג, אַנטפּלעקט אין אַ בוך, וועלכן ער האָט גענומען אין ביבליאָטעק. זיינע פריערדיקע עדות־דערקלערונגען האָט אויך פולשטענדיק אָפּגעלייקנט דער עדות לובאַצקי..."

...אָט וואָס דאַנילינקע האָט געהאַט אין זינען, ווען ער האָט געזאָגט "איך וועל אַלץ פאַרדריכט..." אָבער ווי אַזוי האָבן זיי געלייקנט? מיט וואָס מאָטיווירט? צי האָבן זיי געזאָגט, אויף וואָס פאַראַ אופן מען האָט ביי זיי אין דעפענסיווע אַרויסבאַקומען די באַווייזן?

"... די געריכט־פאַרהאַנדלונג האָט נעכטן געדרויערט ביז שפּעט אין אָוונט. זי איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פונעם ריכטער גרינעוויטש: דער באַשולדיקער איז געווען דער פּראָקוראָר וואָלסקי; פאַרטיידיקט האָבן די אַדוואָקאַטן יאַסינסקאַ, סוקיעניצקאַ, פּעטרוסעוויטש, אָרנשטיין, סמילגאַ, כיל און טשערניכאָוו. שפּעט אין אָוונט האָט דאָס געריכט געמאָלדן דעם אורטייל, אויפן סמך פון וועלכן דובראָוויטש באַקומט דריי יאָר תפיסה, זשאַבינסקי און שילייקיס ווערן באַשטראָפט ביז זייער פולייעריקייט מיט אויסבעסערונגס־הויז, מאַזור און זשוק – מיט אַ יאָר אויסגעסערונגס־הויז, באַדינגלעך..."

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך אין שטאָט באַוויזן זשאַבינסקי. דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט געענדערט דעם אורטייל. אים האָט מען געגעבן צוויי יאָר אויסבעסערונגס־הויז באַדינגלעך, און ער איז אַרויס אויף דער פריי.

– מיר אַלע האָבן אויפגענומען דעם אורטייל רויק – האָט ער דערציילט, טרעפנדיק זיך מיט די חברה – קיין בעסערס האָט קיינער פון אונדז ניט דערוואַרט. די עלטערן האָבן זיך אָבער שרעקלעך געקלעמט, די מאַמעס האָבן געוויינט. און מער פון אַלץ, וועל איך אייך זאָגן, האָבן זיך דערשראָקן די לערערס. זיי זיינען געזעסן בלאַסע, צעספּוזשעטעטע, ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף זיי צו קוקן. איר וואָלט זיי געדאַרפט זען אין מאָמענט, ווען מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין געריכטזאַל, אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, און הינטער אונדזערע פּלייצעס האָבן זיך אויסגעשטעלט

פּאָליציאַנטן. און ווי זיי האָבן זיך עס באַמיט, די לערערס אונדזערע, אַרויסטרעטנדיק אַלס עדות, פֿאַרשטעלן אונדז ווי נאַיווע אומשולדיקע קינדער!

...דעם טאָג, ווען אַסיע האָט זיך צוריקגעקערט ווידער אין שול, האָבן אויפֿן הויף געזונגען פֿייגל און פֿריש גראָז האָט זיך שוין אַדורכגעריסן אויף דער פֿריי פֿון צווישן די ברוקשטיינער צום בלויען הימל.

ניט דאָס איבערגעלעבטע, ניט די דערינערונג וועגן דעם, ווי אייניקע חברה פֿלעגן אויסמיידן זיך מיט איר צו טרעפֿן, האָבן ניט געקענט צוימען אַסיעס פֿרייד. זי האָט אַ שטופּ געטאָן די אַריינגאַנגסטיר און גלייך פֿון דער שוועל, ביי די ברייטע טרעפּ, דערזען דעם, וועלכער פֿלעגט זיי שטענדיק טרעפֿן דער ערשטער - דעם קליינוווקסיקן פֿריילעכן שענקמאַנען מיטן גלעקל, דעם שולדינער, וואָס האָט יעדערן פֿון זיי געקענט, געזאָרגט זיך פֿאַר זיי ווי אַ טאַטע, און פֿלעגט, חכמענדיק זיך טרייסטן דעם וועמען מען פֿלעגט יענעם טאָג פֿון קאַנצעלאַריע שיקן אַהיים פֿאַר ניט באַצאָלן שכר־לימוד.

"גאָט צו דאַנקען, דו ביסט דאָ!" - האָט שענקמאַן אַסיען געכאַפּט אין די אָרעמס; זי האָט באַוויזן צו באַמערקן אַ טרער אין זיין אויג, אַ זאָג געטאָן: "אַלץ אין אָרדענונג", הענדום־פּענדום זיך אַ לאָז געטאָן אויף די טרעפּ, און, ניט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, זיך אַריינגעריסן אין קלאַס אַריין.

- אַסקע!

אינעם רעש, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן, אין דער האַלדזעניש און קושעניש, האָט מען קוים באַמערקט, ווי אויך דאַנקע איז אַריין.

- דאַנילינקע?

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסגעבענקטע שוללעבן. צוערשט זיינען די חברה, ווי אַסיען האָט אויסגעוויזן, געווען צו זיי צו מילד, צו גוטהאַרציק, און די לערערס האָבן זיי באַהאַנדלט צו זאָרגעוודיק, ווי קראַנקע קינדער. אַלע האָבן געהאָלפֿן אַסיען און דאַניען אין די לימודים, דעריאָגן דעם קלאַס.

לוסיע און רבקה האָבן זיך אויך צוריקגעקערט אין שול. לוסיע איז געווען מיט אַ קלאַס העכער פֿון אַסיען, רבקה - מיט אַ קלאַס נידעריקער. זיי פֿלעגן זיך טרעפֿן אויף די הפסקות, פֿריילעך מאַכן מיט דער האַנט און פֿלעגן זיך שוין זעלטן דערמאָנען אין דעם חודש אין תפֿיסה, וועלכער האָט זיך דאַן אַזוי לאַנג געצויגן און איצט זיך אויסגעדוכט צו זיין אַ קורצער אויסטערלישער עפּיזאָד פֿון זייער לעבן, וואָס האָט פּאַסירט אין דער גאָר ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט.

אַסיע האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין געווירבל פֿונעם שוללעבן. "אירע חברה", די קלייוואַרג פֿון קרייזל, מיט וועלכן זי האָט אָנגעפֿירט פֿאַרן אַרעסט, האָבן געקוקט אויף איר מיט התפּעלות. זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן, ביז ענדלעך האָט זיך איינער פֿון זיי אַנטשלאָסן און געפֿרעגט:

- ווּעסט איצט ווידער צו אונדז קומען?

אָט טרעפֿט זי אין זאַל דעם דירעקטאָר טורבאָוויטש. זיין האַנט, מיט וועלכער ער דריקט אירע, איז שוואַך, אין די אויגן - מילדקייט און הילפֿלאָזיקייט. ער קוקט זי אָן אַ לענגערע ווײַלע, רעדט ניט די שטענדיקע האַרבע און נודנע ווערטער, מיט וועלכע ער מוסרט געוויינטלעך די שילערס, קען ניט באַהערשן זיין וואַרעם געפֿיל און איילט זיך גיין ווייטער זאָגנדיק: "נו, לערן, לערן, דעריאָג דעם קלאַס!"

"יעיזשע", "די גומענע הענטל" פֿלעגן אים אין שול רופֿן קונדסים, אַנטלויפֿנדיק פֿון

אים, ווען ער פלעגט זיי ווען אַפּשטעלן, כדי נאָך אַ מאָל מיט זיין אייגנאַרטיקן אַקצענט צו זאָגן: "דיו ביסט אַ שילער", און טרייסלענדיק מיט דער האַנט, זיי דערקלערן, אַז זיי פירן זיך אויף ניט אַזוי, ווי פּאַר אַ שילער פּאַסט.

אַסיע קוקט איצט אויף טורבאָוויטשן מיט האַרציקער געריכטקייט, זי ווייסט, אַז ער פלעגט גיין אין דער פּאָליציי-פּאַרוואַלטונג זיך משתדל זיין פּאַר יעדן פון זיי, די אַרעסטירטע, אַז ער האָט אפילו געטראָגן צום אויספאַרשער איר, אַסיעס, איבערזעצונג פון אָווידיוסעס פּאָעמע "ניאָבע" און עקשנותדיק באַמיט זיך אים דערווייזן: "זי האָט עס געמאַכט אין העקסאַמעטער-פערזן, אין יידיש פונקט ווי אין לאַטיין! נאַט, איבערצייגט זיך! און איר זאָגט - פּאָליטיק. ווי קומט זי צו פּאָליטיק..."

טייערע, ליבע פנימער...

אָט גייט דורכן קאָרידאָר דער לערער גערשטיין, דער הויכער קראַסאַוועץ מיטן קאָפּ גרויע האָר און מיט די געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס, ער דערמאָנט איר יצחק-לייבוש פּרצן, אפשר איז ער נאָך שענער... ער גייט שלאַנק ווי אַ סטרונע, מיטן הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט קיינעם ניט זען אַרום, נאָר פלוצעם, פּאַרבייגייענדיק אַ שטיפער, שטעלט ער אים "אַ בערנע" - גיט אים אַ קוועטש מיטן גראָבן פינגער אין שפּיץ קאָפּ און גייט ווייטער, ווי קיין מאָל גאָרניט, ווי ער וואָלט זאָגן: איז ווער איז אַ גרעסערער שטיפער - איך צי דו?

די קונדסים אין שול האָט גערשטיין באַזונדערס ליב. אָט גיט ער אַ זאָג צו איינעם: "כאַצקעלע, מיין צאַצקעלע, עפּעס האָב איך דיך היינט אויף דער לעקציע ניט געזען!" און צו די חברה אַרום: "טאָמער גייט איר פּאַרביי רודניצקע 6 און איר זעט, אַז ס'גייט אַ רויך, זאָלט איר ניט מיינען, אַז די שול ברענט. דאָס שמייס איך כאַצקלען!

גערשטיין, דער לערער פון יידיש און געזאַנג, דער באַרימטער אָנפירער פונעם כאָר אין ווילנע, איז אַ געשווירענער אַלטער קאַוואַלער. אַלע ווייסן אָבער וועגן זיין ליבע צו דער שענסטער יידישער אַקטריסע דינה האַלפּערן. נעכטן, ווען ער האָט אויסגעשטעלט דעם כאָר אין שול און אָנגעהויבן רעפּעטירן דאָס ליד "די נעצן אין שיפל, דער רודער אין האַנט", געגומען דעם קאַמערטאָן און אויסגעזונגען די ערשטע טענער פון "די נעצן" פּאַר יעדער שטים: "די - נע...". "די - נע...", "די - נע..." - האָט עמעץ הויך צוגעגעבן: "האַלפּערן!".

-ברומבערג, דו? - האָט גערשטיין געפרעגט.

- ניין, ניט איך.

- בעניאָמקע, אַרויס פון קלאַס!

בעניאָמקע, אַ שוואַרץ-חנעוודיק בחורל מיט צעצווייגטע, צונויפגעוואַקסענע ברעמען איז געווען איינער פון זיינע ליבלינגען, און טאַקע ער האָט אין קאָרידאָר, געכאַפּט ביי גערשטיינען די "בערנע".

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12027 Goshen Avnenu, Apt 7 • LA, CA 94009

Telephone: 310 820-2976 פּאַרוואַלטונג "חשבון"

יעקב לעווין

# ווינטער - זכרון

עס האָט מײַן האַרבסט אין ווינטער זיך פֿאַרוואַנדלט.
אומענדלעך לאַנג געוואָרן זײַנען נעכט
אַדורכגעוועבט מיט ווייטאָגן און בלאָנדזשענדע געדאַנקען,
און מורא, אַז נישט פֿרירן זאָל זכרון פֿון דער קעלט,
זכרון - די בריק צו פֿרילינג און צו זומער פֿון אַמאָל!

...אָט זע איך קינדער גרייטן זיך
ביים ראַנד פֿון פֿעלד מיט קאָרן
צום שניט, זיי העלפֿן היינט אין פֿעלד.
אויף אַ טאָג - פּויערים געוואָרן!

אָפּגעשפּאָרט פֿון ביסן ברויט
אַ קינד פֿון שטאָט אַרויסצושיקן
(ווו קומענס שפּייען שוואַרצן רויך)
אין קינדער־רעפּובליקן.

לייגן טאַטעס מאַמעס
אַ גראָשן צו אַ גראָשן
אַז קינדער זאָלן זינגען
אַ ליד אויף יידיש לשון.

און עטעמען די פֿרישע לופֿט
פֿון דאָרף און זומער ריחות
ס׳זאָל סטייען אויף אַ גאַנצן יאָר
און שטאַרקן יונגע כּוחות.

אַ גאַנצן חודש ווייט פֿון שטאָט,
פֿון היים, פֿון שולע, זאָרגן
מען שפּילט, מען זינגט,
מען חלומט פֿון
אַ בעסערן, אַ שענערן,
אַ ליכטיקערן מאָרגן!

און איצט איז צייט צוריק אַ היים
צו שול און לערנען פֿלייסיק.
געווען איז דאָס דער זומער פֿון
יאָר נײַנצן נײַן און דרייסיק.

גרויסע, שוואַרצע אותיות
פֿילן אויס די פּרעסע:
דייטשן שוין אַריבער
גרענעצן פֿון פּוילן
און ווי הונגעריקע חיות
שלינגען שטעט און שטעטלעך,
שפּייענדיק אָן אויפֿהער
גזירות קעגן ייִד.

פֿאַרטריבענע פֿון אונדזער היים
אויף קאָנסטאַנטינער גאַס
מיר שפּאַנען אין אַ לאַנגער ריי
פֿון יידן פּונקט ווי מיר.
ווער ווייס וואָס אונגז
דערוואַרטן וועט
הינטער געטאָ־דראָטן.

באַלוט, די הויפּטשטאָט
פֿון יידישער אָרעמקייט
האָט אײַנגעזאַפּט לאָדזשעק יידן
און זייער אייביקע ענגשאַפּט
איז נאָך ענגער געוואָרן.

בזשעזשינער פּערציק -
אונדזער נײַע היים.
די שטוב פֿון מאַמעס עלטערן.
לעבן מיר דערווייל און וואַרטן
אַן אייגן ווינקל צו באַקומען.

דער זיידע שטייט אויף זייער פּרי
ס׳איז פֿינצטער נאָך אין דרויסן

←

דאַוונט שנעל, כאַפּט עפּעס איבער
לויפט אין בעקערײַ
איינקויפן געבעקס
צו פאַרקויפן אין דער געגנט
און פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן.

...אין אַ טעלער אויפן טיש
ליגן צען פרישע זעמל
דער אָנגענעמער ריח קיצלט
אַזש אין נאָז
און צערייצט דעם מאָגן.
זאָגט אונטער יצר־הרע:
"נעם, קיינער ט'נישט דערקענען"..
איך האָב מורא, נאָר הונגער
איז שטאַרקער.
מיין חבר העלפט מיר צו:
"נעם! און כ'האָב גענומען צוויי.

דער זיידע קומט אַ היים
קוקט אויפן טעלער און פרעגט:
ווער'ט גענומען די זעמל?
"איך ווייס נישט, ענטפער איך
מיט אַן אומשולדיקער מינע.
דער זיידע קוקט מיט פאַרדאַכט
אויפן פעטער אברהמטשע
און זאָגט קיין וואָרט נישט.
ער האָט געוווּסט דעם אמת
און דעם סוד אין קבר מיטגענומען.

טראָג איך עד־היום
אַ זאַק מיט שולד געפילן.
און די צוויי זעמל פייניקן
און גיבן נישט קיין רו.

* * *

ס'טויכט אויף אין דמיון
איצט אַ בילד:
איך הער מיין זיידן כליפען.
"ווי קומט אַ זיידע וויינען זאָל?"
כ'פרעג שטילערהייט
מיין מאַמען.
זי שעפּטשעט שטיל,

כ'האָב קוים דערהערט:
"עס האָבן הפקר־יונגען
נאַציס היינט
זיין באָרד און פאות אָפּגעשניטן"...
אַ גאָלדיק ברוינע באָרד
באַצירט
זיין פנים האָט פון שטענדיק.

באַרויקט אים די באָבעשי:
"נישט זאָרג זיך, יוסף
ס'עט צריקוואַקסן.
אַבי ביסט נישט צעשלאָגן".

"מערער נאָך, ווי קלעפּ
ס'טוט וויי –
ענטפערט איר דער זיידע –

כ'בין אויסגעטון, אַ נאַקעטער,
אַ טייל פון מיר ז'דערהרגעט.
פאַרוואָס?
אַ לעבן לאַנג כ'האָב אָפּגעהיט
אַ גלייכן, ריינעם וועג,
נישט אָפּגעפרעגט,
זיך נישט באַקלאָגט
אַפילו ווען ס'איז דינה,
מיין ערשט געבוירענע,
אַוועק אויף נייע וועגן.
און אפשר זאָל דאָס זיין
אַ שטראָף?
און אויב אַ שטראָף
וועגט זי נישט אַריבער
טויזנט מאָל די זינד?"

...סוף ווינטער ניינצן פערציק.
אַן אייגן ווינקל שוין באַקומען.
נאַקעטע פיר ווענט
אַפילו נישט קיין קיך.
האָט דער טאַטע פון ציגל
אויפגעבויט אַן אייוועלע
ס'זאָל זיין ווו עפּעס אָפּצוקאָכן.

←

נישט געוועןְ מיט וואָס צו הייצן
דעם ערשטן געטאָ־ווינטער.
האָט מען מעבל צעהאַקט,
די פּלויטן צענומען
און איין גרויסער הויף
איז דאָס געטאָ געוואָרן.
פון פאַרפרוירענער ערד
שטאַרט אַרויס אַ שטיק האָלץ
וואָס'ט אַ מאָל דעם פּלויט
געהאַלטן.
קרישלען מיר, טאַטע און איך,
די ערד - ווי גראַניט,
מיט אַ האַמער
דעם אוצר אַרויסבאַקומען.

הונגער, ווייטיק טרערן.
הימלען שוואַרצע, שטערן
ווינקען, רייצן,
שיקן גרוסן. פון וואַנען?
איז געבליבן נאָך
אַן ערגעץ ווו?

אויסגעצערטע גופים,
אין ד'אויגן נאָך אַ פונק,
לעבצנדע נשמהס
בענקען נאָך אַ בלום
קראַצן אויס אַ גרעזל
אין אַ בערגל מיסט.

פון געהיימער ביבליאָטעק
ביי כאַווטשען אין דער היים
איך שווים אין "שטילן דאָן".

ווערט לייכטער מיר דער הונגער
מיט גריגאָרי מעלעכאָוון
אין קאָזאַקישן כוטאָר.

וואַרעמט מיך אַקסיניאַ
מיט איר רייצנדיקן גוף
נאָר מיין הונגעריקער מאָגן
פאַרהילכט דעם יוגנט רוף.

און דאָך איך היט ווי אַן אוצר,
אַ סוד פון שולע יאָרן:
ווי וויין־ראָז אירע באַקן
די צעפּ גאָלד, ווי קאָרן.

קוועלן די לערער
שטאָלצירט טאַטע־מאַמע
און ס'רימט זיך משפחה
מיט זייער חכמה
און זי איז די העלדין
פון מיינע חלומות.
מיר פליען צוזאַמען
אין ווייטסטע מקומות,

ווו קיינער פאַרשטערט נישט
מיין קינדערשן טרוים.
אויף דר'ערד, אויף אַן אמת
באַמערקט זי מיך קוים...

פאַרטיפט זיין אין ביכער
געדענקען אַ ליבע
פאַרגעסט מען דעם הונגער
אין געטאָ־טעג טריבע...

* * *

פאַוואָלע, מיט ליבשאַפט
כ'פאַרצייכן די בילדער
און שלאָפלאָזע נעכט
ווערן מיר מילדער.

פאַרהיט איך, לעב איבער
פאַרגאַנגענע יאָרן
ווי לאַנג נאָך עס דינט מיר
מיין ווינטער־זכרון.

אהרן שפּיראָ / קרית־ביאַליק

# דער גבאַי ר׳ עלע

איך דערצייל דאָ די מעשה אַנטקעגן דעם שפּריכוואָרט: "קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגן עס איז", וואָס פלעגט אַ מאָל אַרומגיין צווישן יידן.

ווען איך הער נאָך היינט פון עמעצן דאָס דאָזיקע שפּריכוואָרט, טויכט אויף אין מיין זכרון די מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט ר׳ עלען, דעם גבאַי פון טריסקער שטיבל אויף טוואַרדע־גאַס אין וואַרשע, בעתן פּראַוועןן אַ חסידישע חתונה, און דעם אופן פון זיין אָפּגעבן די נשמה צום כסא־הכבוד. קיינער פון די, וואָס האָבן אים געקענט, האָט זיך נישט געריכט, אַז דווקא אויף אים, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, וועט דאָס שפּריכוואָרט דערוויזן ווערן.

די מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט ר׳ עלע גבאַי, דעם טריסקער חסיד, איז פאַרבונדן מיט זיין חסידות און מיטן טריסקער רבין.

אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט אין כעלעם געלעבט דעם טריסקער מגידס (ר׳ אברהם בן מרדכי) אַן אייניקל: רבי משה־לייבעניו טווערסקי, צו וועמען דאָס טריסקער רביסטווע מיט אַ טייל פון די חסידים איז איבערגעגאַנגען בירושה פון זיידן צום טאַטן, און פון טאַטן צו אים, צו רבי משה־לייבעניו פון כעלעם.

דער טריסקער רבי ר׳ משה־לייבעניו טווערסקי האָט געהאַט אין וואַרשע ביי צוויי הונדערט חסידים, וואָס זענען געווען צעטיילט אין צוויי שטיבלעך: אויף נאַלעווקי 35 – מיט אַ הונדערט און פופציק חסידים, און אויף טוואַרדע 32 – מיט אַ פיר מנינים.

דאָס טריסקער שטיבל אויף נאַלעווקי איז געווען אַ רחבותדיקס, ס׳האָט געהאַט עטלעכע צימערן. איינער האָט געדינט פאַר אַ בית־מדרש ווו יידן פלעגן זיצן און לערנען, און אויך פאַרן רבין – צו פירן טיש בעת ער פלעגט קומען קיין וואַרשע און פלעגט איינשטיין אין הויז ביי ר׳ שלמה פערלמוטער – אַ הויכער ייד, אַ בעל־בשר, מיט אַ קורץ געשוירענער רויטער באָרד. ער האָט געהאַט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אויף נאַלעווקעס און געוווינסט אין אַ רחבותדיקער גרויסער דירה אויף מוראַנאָווסקע 30. דער גרעסטער טייל חסידים, וואָס האָבן געדאַוונט אין נאַלעווקע־שטיבל, זענען געווען רייכע סוחרים און פאַבריקאַנטן פון דער אַרומיקער געגנט, אייניקע פון זיי האָבן אויך פאַרמאָגט אייגענע הייזער. זיי האָבן געהאַלטן דאָס שטיבל גוט איינגעאָרדנט.

אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס שטיבל אויף טוואַרדע ווו מיין טאַטע האָט געדאַוונט און ר׳ עלע איז געווען גבאַי. דאָס שטיבל איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קיך, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פענצטער. די קיך האָט געדינט פאַר אַ ווייבערישער שול אויף ראש־השנה און יום־כיפור.

דאָס שטיבל איז געווען אַ געשאַנק פאַרן רבין פון צוויי ברידער, טריסקער חסידים, ישעיה און הלל הובערמאַן, צו וועמען דאָס הויז אויף טוואַרדע 32 האָט געהערט. אינעם שטיבל אויף טוואַרדע האָט מען געדאַוונט בלויז אין שבתים און יום־טובים. אַ גאַנצע וואָך איז עס געשטאַנען פאַרשלאָסן, ווייל פון די פיר מנינים דאַוונערס האָט מען אין וואָכעדיקע טעג נישט געקענט צונויפנעמען אַ מנין. דער גרעסטער טייל דאַוונער אין שטיבל אויף טוואַרדע איז באַשטאַנען פון יידן, וואָס האָבן זיך געמאַטערט מיט דער פּרנסה, אַנדערע זענען געווען גרויסע אָרעמעלייט, אַפילו אביונים, בלויז אייניקע זענען געווען פאַרמעגלעך.

אין אייזעם אַ זומערדיקן פרייטיק, ווען די חסידים פון שטיבל אויף טוואַרדע זענען געקומען צו קבלת־שבת־דאַווענען, האָבן זיי זיך אָנקגעשטויסן אויף אַ מודעה, וואָס איז געהאָנגען אויף דער טיר, געשריבן אין לשון־קודש. איך זעץ עס איבער אויף יידיש:

"איך האָב דעם כבוד צו פאַרבעטן די טריסקער חסידים צו דער חתונה פון מיין טאָכטער, די געבענטשטע בתולה, די כלה... זאָל לעבן, מיט איר אויסדערוויילטן חתן, דעם ישיבה־בחור דער עילוי... וואָס וועט אם ירצה השם פאַרקומען אין מיין דירה אויף מוראַנאָווסקע 30, דינסטיק, פרשת... ר"ח תמוז, יאָר... לפ"ק. די חופה וועט פאָרקומען אין דער אָנוועזנהייט פון אונדזער הייליקן רבין אדמו"ר דק"ק טריסק, וועלכער וועט ספּעציעל קומען צו דער חתונה און וועט מסדר־קידושין זיין.

דאָס אויפרופן דעם חתן צו דער תורה וועט פאָרקומען שבת־קודש, פרשת... אין שטיבל אויף נאַלעווקי 35.

אין די פאַרמיטאָג־שעהען, אין טאָג פון דער חתונה, וועט דער רבי אויפנעמען די חסידים אינעם ספּעציעלן צימער, וואָס כ'האָב צוגעגרייט.

שלמה הכהן פערלמוטער".

ווען די דאַוונערס האָבן איבערגעלייענט די איינלאַדונג צו דער חתונה, האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַן אויפרודערונג: מען האָט גענומען רימען דעם בעל־שמחה, די חתן־כלה, און דער עיקר, האָט מען "פּאָדראָבנע" אַרומגערעדט דעם גרויסן זכות, צו וועלכן ר' שלמה האָט זוכה געווען מיטן רבינס מטריח זיין ספּעציעל צו קומען צו דער חתונה.

דעם גרעסטן חלק אין קאָמענטירן דאָס געשעעניש האָט גענומען דער גבאי פון שטיבל, ר' עלע. ער האָט עס "צעלייגט אויף טעלערלעך", ער האָט גענומען דערציילן נסים ונפלאות וועגן "טייערן ייד" ר' שלמהן מיט זיין ווייב די צדקת, וועגן זייערע געראָטענע - איינס־און־איינס - זון און טעכטער, און דער עיקר: דעם רבינס קומען צו דער חתונה.

די חתונה גופא איז אפשר ר' עלען נישט אַזוי אַריין אין דער נשמה, ווי דאָס מטריח זיין פון רבין צו קומען צו דער חתונה. וואָרעם, זייענדיק אַ גרויסער אָרעמאַן האָט ער קיין מאָל זיך נישט געקענט דערלויבן צו פאָרן קיין כעלעם צום רבין און פלעגט מיט אומגעדולד וואַרטן דער רבי זאָל קומען קיין וואַרשע, ביי וועמענס טיש־פירן ער פלעגט זיצן צוזאַמען מיט אַלע חשובע, רייכע חסידים און פלעגט צוגלייך מיט זיי באַקומען דעם צוגעטיילטן שיריים און מיט דורשט שלינגען דעם רבינס תורה־זאָגן.

צוליב נאָך אַ זאַך האָט ר' עלע אין יענעם זומער געלעכצט נאָכן רבינס קומען: ער האָט געוואַרט, דער רבי זאָל אים אויפנעמען און געבן אַ ברכה פאַר זיין זון ישראל יאָסל, וואָס איז אַראָפּ פון "גלייכן וועג", און ער, ר' עלע, האָט נישט פון אים קיין נחת.

* * *

ר' עלע איז אַ פּאָר יאָר נאָך זיין חתונה געוואָרן אַן אלמן נאָך זיין יונג פאַרשטאָרבן ווייב, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט מיט אַ פּיצל קינד.

ווען ישראל־יאָסל איז נאָך געווען אַ יינגל און האָט געלערנט אין חדר, דערנאָך אין ישיבה, פלעגט ר' עלע יעדן פרייטיק נאָכן מקווה־גיין, אים מיטנעמען אין שטיבל אַריין, ער זאָל העלפן אויסקערן און אָפּוואַשן די פּאָדלאָגע, ברענגען אין אָרדענונג די צעוואָרפענע ספרים פון יענער וואָך, אַריינשטעלן ליכט אין די זעקס לייכטערס אויפן עמוד; ערב יום־כיפור פלעגט ער העלפן דעם טאַטן צוגרייטן קעסטלעך מיט זאַמד פאַר די לאַנגע נשמה־ליכט. ווינטער, פלעגט ער העלפן דעם טאַטן ברענגען קוילן מיט

האָלץ פון קוילן־סקלאַד און איינהייצן דעם הויכן קאַכל־אויוון, וואָס פלעגט האַלטן וואַרעם ביז מוצאי־שבת. ער פלעגט טאָן נאָך פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס ר׳ עלע פלעגט אים געבן.

האָט זיך אָבער דער שטן אַריינגעלייגט אין מיטן.

ר׳ עלע איז געווען אַ ווייסטער אָרעמאַן. זיין גאַנצע פרנסה האָט ער געצויגן פונעם גבאות אין אָרעמען טריסקער שטיבל, ווו ער האָט געהאַט די חזקה צו פאַרקויפן אום יום־טובים עליות צו דער תורה אויף "ליציטאַציע": איינמאָנען נדרים־געלטער פאַר מזכיר־נשמות. ערב יום־כיפור און אסתר־תענית פלעגט ער אַוועקשטעלן אויפן טיש אַ טעלער מיט עטלעכע זילבערנע מטבעות, וואָס מ׳האָט גערופן מחצית־השקל. די חסידים פלעגן נעמען די מטבעות אין האַנט, זיי באַקוקן און צווואַרפן צו זיי פוילישע מטבעות. דערמיט פלעגן זיי אויסקויפן זייערע עבירות... אויסער די סטאַבילע יום־טוב־נדרים, פלעגט אים אַ מאָל אין אַ שבת, ביים לייענען די סדרה פון דער וואָך, צופאַלן אַ פּאָר גראָשן פאַר מאַכן אַ מי־שברך אַ קראַנקן אָדער אַ קימפעטאָרין; פון זעלטענע עליות בעת אַ בר־מצווה, אָדער בעתן אויפרופן אַ חתן צו דער תורה, און פון נאָך ענלעכע מיצוות.

פון די אַלע פרנסות וואָלט ר׳ עלע מסתמא באַדאַרפט גיין איבער די הייזער, ווען די פאַרמעגלעכע חסידים וואָלטן אים נישט צווואַרפן פון צייט צו צייט עטלעכע זלאָטעס ער זאָל חס־ושלום נישט אויסגיין פון הונגער.

צו דער אָרעמקייט איז ר׳ עלע נאָך געווען אַ חסיד סכנת־נפשות. ער האָט געדאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין, ער האָט נישט פאַרפעלט לערנען יעדן טאָג דעם דף יומי אין דער גמרא, זיינע פאַרקנוילטע באָרד און פאות, וואָס האָבן נישט געוואָלט גרוי ווערן, האָבן קיין מאָל קיין קאַם נישט געקענט. ער פלעגט טענהן: אַז מען קעמט אַ באָרד, איז מען עלול אַרויסצורייסן אַ האָר, וואָס איז אַ לאו, בעל־תשחית מן התורה... דערפאַר אָבער, פלעגט ער ביי יעדער געלעגנהייט אונטערהייבן די באָר מיט איין האַנט און זי קראַצן מיט דער אַנדערער, און יעדעס מאָל גיין צום קראַן וואַשן די הענט...

ישראל־יאָסל, וועלכער איז אויפגעוואַקסן אונטער זיין טאַטנס השגחה אין ווייסטער אָרעמקייט און פאַנאַטישער פרומקייט, האָט מיט דער צייט אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און איז אָנגעקומען אַרבעטן ביי דאַמען־טאַשן. אַז מען האָט אים אויסגענוצט ביי דער אַרבעט, איז ער אַוועק זוכן הילף אין לעדער־פאַראיין, ווו ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין אַקטיווער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט און ער האָט זיך פאַרנומען מיט אומלעגאַלער קאָמוניסטישער אַרבעט הינטער די פּלייצעס פון זיין פרומען, בטלנישן טאַטן, ביז די פוילישע געהיים־פּאָליציי איז געפאַלן אויף זיינע שפּורן.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען פּאָליציי צו ר׳ עלען אין הויז זוכן דעם זון. ר׳ עלע, אַ ייד, וואָס פון דער נאַטור פלעגט זיך שרעקן פאַרן אייגענעם שאָטן, האָט גענומען ציטערן פאַר די פּאָליציאַנטן מיט די אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן אין די הענט, ווי אין אַ קאָנוולסיע. קיין פויליש האָט ר׳ עלע נישט געקענט, האָט ער אויף דער פראַגע ווו דער זון געפינט זיך, גענומען שטאַמלען מיט אַ צעבראַכענעם "יידישן פויליש", וואָס האָט אַרויסגערופן ביי די פּאָליציאַנטן אַ געלעכטער. זיי האָבן גענומען חוזק מאַכן פונעם זשיד, וואָס מאַכט זיך תמעוואַטע און באַהאַלט אַ קאָמוניסט. ס׳איז געוואָרן אַ געפילדער: שכנים זענען אָנגעלאָפן און זיך אַריינגעמישט. די פּאָליציאַנטן

האָבן געסטראַשעט ר' עלען: אויב ער וועט נישט זאָגן ווו דער זון באַהאַלט זיך, וועלן זיי אים אַרעסטירן. די שכנים האָבן גענומען בעטן די פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן אָפּלאָזן דעם טאַטן, ווייל ער ווייסט נישט פון "קיין פּותר און פון קיין חלום"... די פּאָליציאַנטן האָבן געזען, אַז זיי וועלן מיט ר' עלען גאָרנישט מאַכן, האָבן זיי אים איבערגעלאָזט אַ "פּאָוויעסטקע" ישראל־יאָסל זאָל זיך גלייך מעלדן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, און זענען אַוועק. ווען ישראל־יאָסל האָט זיך דערוווּסט, אַז די פּאָליציי זוכט אים, איז ער פאַרשווּנדן פון זיין טאַטנס הויז. איצט, האָט ר' עלע געגלויבט, אַז דעם רבינס קומען צו דער חתונה איז אַ שעת־רחמים פון הימל: ער וועט בעטן ביים רבין ער זאָל אים געבן אַ ברכה, אַז זיין איינציקער קדיש זאָל אַהיימקומען און ער זאָל זיך אומקערן צום גוטן.

אויך מיין טאַטע, וואָס האָט פון זיינע עלטערע זין קיין גרויס נחת נישט געהאַט, וואָרעם די נויט האָט זיי געצווּנגען אַוועקשטעלן דאָס לערנען און גיין אַרבעטן צו פאַרדינען אויפן לעבן, האָט ווי מיט ליכט אויסגעקוקט דעם רבינס קומען צו דער חתונה. ער האָט געהאָפט, אַז דער רבי וועט אים אויפנעמען מיט דעם בן־זקונים, זיינעם, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן לערנען גמרא, און אים בענטשן, ער - כאָטש איינער פון אַלע זין - זאָל אויסוואַקסן צו תורה, מצוות און מעשים טובים...

* * *

די חתונה איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די לענגסטע פוילישע זומערטעג. דער טאַטע האָט מיך געגרייט עטלעכע טעג אויפגענומען צו ווערן ביים רבין: ער האָט מיך געלערנט וואָס צו ענטפערן אויפן רבינס שאלות. אין טאָג פון דער חתונה האָט ער מיך געשיקט צום פריזירער זיך אָפּצושערן און איז מיט מיר אַוועק אין מקווה אויף גנוינע 7. ווען כ'בין אַ היים געקומען אַן אויסגעצוואָגענער, האָט שוין דער מיטאָג געוואַרט אויפן טיש. אָפּגעגעסן, האָט די מאַמע מיר געגעבן איבערצוטאָן פרישע וועש און דעם שבתדיקן כאַלאַטל, און דער טאַטע איז מיט מיר אַוועק צו פוס ביז מוראַנאָווסקע 30 - אַ מהלך פון אַ 6 קילאָמעטער.

מיר זענען אָנגעקומען אין סוף פון טאָג. ס'איז געווען אַ פּוילישער טרוקענער, הייסער זומערטאָג. שיטערע ווייסע וואָלקנס זענען מאַיעסטעטיש געשווּמען אויפן בלאָען הימל און פון מאָל צו מאָל געפּרוּווט פאַרשטעלן די זון, ווי זיי וואָלטן פירן מיט זיך אַ שטרייט - געוואָלט אַ ביסל אָפּקילן די פאַרשרפּעטע שטאָט פון דער היץ, און זענען אָבער צו שוואַך געווען דערצו.

מיר זענען געקומען צו דער חתונה פון די לעצטע געסט - מידע און פאַרשוויצטע. ר' עלע האָט זיך שוין אַרומגעדרייט צווישן אָנגעפּראָפּטן עולם אַ בגילופענער פון שנאַפּס און אַ צופרידענער פון רבינס צוזאָג, אַז דער זון זיינער, ישראל־יאָסל, וועט אי"ה אין קורצן אהיים קומען.

מיין טאַטע האָט געוואָלט באַוויזן אָנקומען צום רבין איידער מען שטעלט זיך דאַווענען מנחה. דער שמש ר' גרשון איז געזעסן ביי אַ טישל פאַרן רבינס חדר און געשריבן קוויטלעך פאַר די חסידים, וואָס אַליין האָבן זיי קנאַפּ געקענט אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער אין יידיש און אַוודאי נישט אין לשון־קודש. מיין טאַטע איז געקומען צום רבין מיט אַן אָנגעשריבן קוויטל פון דער היים.

נאָך אַ ביסל וואַרטן זענען מיר אַריין צום רבין.

דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטול און אויסגעשטרעקט די האַנט צום טאַטן מיט אַ ברייטן 'שלום־עליכם, ר' אברהם!"

דער טאַטע, אַ צופרידענער פון רבינס וואַרעמען שלום־עליכם, האָט אָפּגעענטפערט "עליכם־שלום, רבי!" און אַוועקגעלייגט דאָס קוויטל מיטן פדיון אויפן טיש.

דער אויסגעדאַרטער רבי, וואָס איז געשטאַנען אין אַן אַרומגעגאַרטלטער זיידענער קאַפּאָטע מיט אַ שוואַרץ סאַמעט־קאַפּל אויפן איינגעשרומפּענעם קליינעם קאָפּ, האָט אויסגעזען נאָך דאַרער און נאָך קלענער, ווי ער איז געווען אין דער אמתן. ער האָט גענומען דאָס קוויטל פון טיש און הויך געלייענט:

אברהם בן פריידע בעט דעם רבין בענטשן זיין זון, וואָס האָט בע"ה אָנגעהויבן לערנען גמרא.

אַ צופרידענער (אפשר נישט אַזוי פון דעם, וואָס כ'האָב אָנגעהויבן לערנען גמרא, ווי פון דעם פדיון, וואָס דער טאַטע האָט צוגעלייגט צום קוויטל) האָט דער רבי מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן און געפרעגט:

-וואָס לערנסטו, יינגעלע?

"המניח את הכד ברשות הרבים ובא אחר וניזוק בו, חייב!" - אויב ראובן האָט אַוועקגעשטעלט אַ קרוג אין מיטן גאַס, און שמעון איז איבער אים געפאַלן און געניזוקט געוואָרן, איז ראובן חייב! - האָב איך געענטפערט.

-דו קענסט עפּעס זאָגן, וואָס די משנה זאָגט ווייטער? - האָט דער רבי מיך געפרעגט.

איך, פון פריער אַ צוגעגרייטער פון מיין טאַטן - האָב פאַרגעזעצט זאָגן, ביז דער רבי האָט מיר איבערגעריסן און זיך אָנגערופן צום טאַטן:

-אברהם, דו וועסט האָבן אַ סך נחת פון דיין זון! ער וועט אויסוואַקסן אַ ייד! דער רבי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף מיין קאָפּ און מיט פאַרמאַכטע אויגן אָנגעהויבן זאָגן: "יבורכך אלוהים..."

די ווייטערדיקע ווערטער האָב איך נישט אויפגעכאַפּט און נישט פאַרשטאַנען. דער טאַטע איז אַרויס פון רבין אַן אויפגעהייטערטער.

* * *

צוליבן וואַרטן מיטן דאַווענען מעריב, האָט זיך די חתונה אָנגעהויבן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דעם רבינס מסדר־קדושין זיין האָט געדויערט אַ היפּשע צייט און, ווי געוויינטלעך, האָט עס זיך פאַרענדיקט מיטן אויסרופן פון עולם - "מזל טוב!" אַ בדחן האָט באַזונגען די כלה מיט גראַמען, וואָס האָבן אַרויסגערופן געוויין ביי די ווייבער... כלי־זמרים האָבן פאַרביטן דעם בדחנס טרויעריקע גראַמען מיט פריילעכע זמירות. חתן־כלה האָט מען פון אונטער דער חופּה אַריינגעפירט אין אַן אָפּגעזונדערטער שטוב און פאַרמאַכט... ווען זיי זענען נאָך אַ ביסל פאַרזאַמען זיך אַרויס, האָבן די מחותנים גענומען טאַנצן מיט דער כלה אַ מצווה־טענצל און דער עולם האָט אין עטלעכע צימערן זיך אויסגעזעצט ביי טישן צו דער סעודה.

די ווייבער זענען נאָך דער חופּה ווי נעלם געוואָרן. אויסער דער כלה האָט מען מער קיין ווייבער נישט געזען... זיי האָבן זיך ווי "באַהאַלטן" פון די מענערישע אויגן...

די חתונה איז געגאַנגען אין פולן ברען. די סעודה האָט צוליבן רבין זיך פאַרצויגן אַ היפּשע צייט. מען האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט און געזאָגט די שבע־ברכות, נאָך דעם האָט דער עולם גענומען טאַנצן חסידישע טענץ.

בעת דער עולם האָט זיך משמח געווען מיט זינגען און טאַנצן האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ פאַרטויבט שרייען, ווי פון דער ווייטנס: "יידן! ראַאַטעוועעטץ מיאָך! דע

גאָ וועט מיאָך דאַהאַרגענען?" צוזאַמען מיט דעם פּאַרטויבטן געשריי האָט זיך געהערט שרייען אויף פּויליש, ווערטער, וואָס אין דער ערשטער מינוט זענען זיי נישט געווען קלאָר. ווען דאָס שרייען "יידן ראַאַטעוועטץ! האָט זיך דערנענטערט צו דער דירה ווו מען האָט געפּראַוועט די חתונה, איז דאָס פּוילישע געשריי געוואָרן שטאַרקער און קלאָרער, און מען האָט שוין געהערט דעם גויס געוואַלדן: "גודלאַיו, פּשא קרעוו! אידזש דאָ כאָלערי! ניע מיאַלעש גדזשע שטשאַטש טילקאָ או מניע וו'פּאָקאָיו?..."[1]

דער עולם האָט זיך דערשראָקן. די געשרייען "דער גוי וועט מיך דערהרגענען" און די געוואַלדן אין פּויליש האָבן זיך דערנענטערט. די כלי־זמרים האָבן איבערגעריסן דאָס זינגען און שפּילן; דער עולם האָט איבערגעריסן דאָס טאַנצן און מיט צוריקגעהאַלטנקייט גענומען גיך זיך צורוקן צו די פענצטער, זען וואָס עס האָט פּאַסירט. דער בעל־שמחה מיטן רבינס שמש האָבן אָנגענומען דעם רבין פּאַר די אָרעמס און אים אַריינגעפירט אין זיין חדר און פאַרמאַכט. מיין טאַטע, אַ דערשראָקענער, האָט מיך אויפגעזוכט צווישן עולם, מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און איז מיט מיר צו צו אַ פענצטער. איך האָב אַראָפּגעקוקט אויפן הויף, וואָס איז געווען איינגעהילט אין שוואַרצער, סוף־חודשיקער פינצטערניש, און כ'האָב פון דער ווייטנס געזען אַ שוואַך פינקלדיק פלעמל, וואָס באַוועגט זיך צום אָרט פון דער חתונה, און כ'האָב דערהערט געשרייען אויף יידיש און אויף פּויליש, וואָס זענען געוואָרן אַלץ העכער און העכער.

פלוצלינג האָט זיך די טיר פון דער חתונה־שטוב געגעבן אַ פּראַל אויף און ר' עלע, נישט־טויט־נישט־לעבעדיק, האָט מיט די לעצטע כוחות געגעבן אַ פאַל אַריין אין שטוב און נאָך אים – דער סטרוזש (הויז־וועכטער) מיט אַ פאַרקאָפּטשעט נאַפּטלעמפּל אין האַנט.

ר' עלע האָט נישט אויפגעהערט היסטעריש צו שרייען "דער גאָ וועט מיאָך דערהאַרגענען!", און דער סטרוזש צו טענהן: "טען גודליי זעשעד דאָ מיע דאָ מיעשקאַני־אַ אי נאַשטשאַל נאַ פּאָדלאָגע! יא יעגאָ נאַוטשען! פּשא קרעוו?"[2]

ס'איז געוואָרן אַ געפּילדער און אַ טומל. אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען, איינער האָט געפרעגט ביים אַנדערן: וואָס איז געשען?

ר' שלמה האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש. ער איז צו צום סטרוזש און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט אים ברודעריש אָנגענומען פאַרן אָרעם און אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש. ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן און אים דערלאַנגט. לויט זיין ווונק, האָט עמעצער געברענגט פון קיך אַ פּאָרציע פיש מיט חלה און אַרויפגעשטעלט אויפן טיש. זעענדיק דעם בראָנפן מיט די פיש האָט דער סטרוזש פאַרלוירן דאָס לשון... ר'איז מיט אַ מאָל ווייך געוואָרן ווי פּוטער; ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס פאַרקאָפּטשעטע נאַפּטלעמפּל אָן אַ זייט און אָנשטאָט צו געוואַלדעווען האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס גלעזל בראָנפן אין האַנט און מיט איין שלונג אויסגעטרונקען. ביים עסן די פיש האָט ער פאַרגעסן ר' עלעס פישן ביי אים אין שטוב און גענומען רימען ר' שלמהן מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד, וועמען ער האָט ליב סכנת־נפשות... שוין זייענדיק אַ ביסל בגילופין האָט ער געלאַסן גענומען דערציילן, וואָס ס'האָט פּאַסירט:

---

1) הינטיש בלוט! די כאָלערע זאָל דיך טרעפן! האָסט נישט געהאַט ווו צו פישן, נאָר ביי מיר אין שטוב?...

2) ער איז אַריין צו מיר אין שטוב און האָט אָנגעפישט הויפן דיל... איך וועל אים אָנלערנען, הינטישן בלוט!

כ'האָב געהערט אַ קלונג ביים טויער, בין איך אַראָפּ פון בעט, גענומען דאָס לעמפּל, וואָס ברענט ביי מיר אַ גאַנצע נאַכט, און כ'בין אַרויס עפענען דעם טויער. ביים עפענען האָב איך גערעדט אַ פּאָר ווערטער מיטן פאַן גאָלדוואַסער, וואָס איז געווינט אַהיים קומען אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. כ'בין צוגעקומען צו דער טיר, זע איך, אַז דער (אָנווייזנדיק אויף ר' עלען) זשיד שטייט אין מיטן שטוב און פּישט!... ווען כ'האָב גענומען שרייען איז ער שנעל אַרויסגעלאָפן און איך נאָך אים. כ'האָב געוואָלט זען ווער דאָס איז און פאַר וואָס ער פּישט ביי מיר אין שטוב...

דער עולם איז אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער.

ר' שלמה, אַ געניטער אין אַזעלכע זאַכן, האָט אַרויסגענומען אַ מטבע פון טאַש און אַריינגעשטופּט דעם סטרוזש אין האַנט. דער סטרוזש, אַ צופרידענער, איז אויפגעשטאַנען פון שטול, געזאָגט "דזשענקויען פּאַנו באַרדזאָ!"[3] און איז אַוועק.

* * *

ר' עלע איז געזעסן אויף אַ שטול, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט, ס'פּנים ווייס ווי קאַלך - נישט געקענט אויסרעדן אַ וואָרט. דער עולם, און ספּעציעל ר' שלמה, האָבן זיך גענומען זאָרגן. מען איז אַריין צום רבין אין חדר, אים דערציילט וואָס האָט פּאַסירט. דער רבי האָט געהייסן אָפּפירן ר' עלען אַהיים.

אָבער ווער זאָל אים אַהיים פירן שפּעט ביי נאַכט? און מיט וואָס? איז אויסגעפאַלן צו שיקן ר' שלמהס זון חיים, ער זאָל ברענגען פון ערגעץ־ווו אַ דראָזשקע און צוזאַמען מיט מיין טאַטן, וואָס האָט געווינט צוויי הייזער אין שכנות פון ר' עלען, וועלן זיי אים אַוועקפירן אַהיים.

פאַר מיין טאַטן און מיר איז דאָס אַהיים פירן ר' עלען געקומען אומגעריכט און ווי געוווּנען. וואָרעם מיר האָבן פאַרשפּאָרט גיין צו פוס אַ מהלך אין דער שפּעטער, פינצטערער נאַכט.

אויפן וועג אַהיים, אין דער דראָזשקע, איז ר' עלע געקומען צו זיך און אָנגעהויבן רעדן. דער טאַטע מיט חיימען האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט און גענומען אים אויספרעגן, וואָס איז מיט אים געשען, און האָבן פון אים - מיט זיפצן און קרעכצן - קוים אַרויסבאַקומען די מעשה:

"- טעו!... ווייס יאַך וואָעס!... כ'האָב פּשוט באַדאַרפט משתין זיין! איז וואָעס?... בין יאַך געגאַנגען צום בית־כסא. האָב יאַך געזען אַז מע שטייט און מע וואַרט אין קאָלייקע. האָב יאַך זעך אַאַנגעהאַלטן... ווי לאַנג קען מע זעך אַאַנהאַלטן?... איר ווייסט דאָך, אַז מן התורה טאָר אַ ייד זעך נישט אַאַנהאַלטן, בין יאַך אַראָפּ אָפן הויף זיכן ס'קלאָזעט. פון וואַנע האָב יאַך געקענט וויסן אַז אַ חתונה מאַכט מע אין אַ הויף ווי ס'איז חושך־מצרים. האָב יאַך געזיכט ס'קלאָזעט אין דער פינצטער. האָב יאַך אָנגעטאַפּט אַ טיר, האָב יאַך פאַרשטאַנען, אַז מסתם איז עס ס'קלאָזעט און כ'האָב משתין געווען. אין מיטן דרינען, האָב יאַך געזען, אַז עמעצער מיט אַ לעמפּל וויל אַריינגיין, האָב יאַך פאַרשטאַנען: מסתם וויל נאָך עמעצער משתין זיין, האָב יאַך זעך אָפּגעריקט. האָט דער גאָ זעך צעשריגן אַז ר'וועט מיאָך דערהרגענען... האָב יאַך זעך דאַשראָקן אין כ'בין אַנטלאָפן. האָט דער גאָ מיאָך נאָכגעיאָגט..."

מער האָט ר' עלע נישט גערעדט: ס'לשון איז אים אָפּגענומען געוואָרן און ר'איז אַנטשוויגן געוואָרן...

←

3) אַ גרויסן דאַנק אייך, הער!

לייב באָראָוויק / ניו־יאָרק

# ביז כ׳פאַרגיי שטילערהייט

אַ קוואַל פון נחמה
געווען ביסט פאַר מיר
אין טאָל דאָרט פון יאָמער,
מיין שענסטע, מיין ציר.
אַז דו ביסט אויף אייביק
און אייביק פאַרגאַן,
ז׳מיין קיום אַן אָפּקום,
אַן עונש אַזאַ.
פאַר וואָר, ס׳איז מיר טייל מאָל
ניט ניחא די שיין.
כ׳פאַרנעם אָפּט אַ בת־קול:
״פאַר ליב נעם דיין פיין״.
אָן דיר, מיין בת־זוג, ז׳אַלץ
אַרום אַזוי גראָ,
און ס׳ציט ווי פון פעך זיך
אַ יעטווידער טאָג.
איך בלאָנקע אַזוי ווי
אַ שאָטן דאָ אום
דורך טרערן איך זע דיך,
געהילטע אין רו.
ס׳האָט ווינט איבער ימען
דיין אַש־שטויב צעזייט.
כ׳וועל טרוימען פון דיר ביז
כ׳פאַרגיי שטילערהייט.

ס׳טרעפט, כ׳הער,
רופסט: ׳ווי פריער
כ׳באַהיט דיך דאָ־הי,
הגם ס׳איז מיין אָרט ווו
ס׳איז שטילער פון שטיל.
כ׳ווייס, טוסט זיך פאַרווערן
אַ יעטווידע פרייד.
כ׳בין, טייערסטער מיינער
פון דיר ניט צעשיידט.

כ׳זע, בענקסט נאָך מיר ליבסטער
מיין, מער ווי ס׳האָט פאַו
דער דיכטער געבענקט נאָך
זיין אַנאַבעל לי״.
עס איז צו מיין צער ניט
פאַראַנען קיין שיעור.
אָן פגימה אָן מינדסטער
ז׳דיין גוטסקייט געווען.
מיט פאָרכט כ׳טו דערמאָנען
דיך, האַרצעדיקע.
דו האָסט ווי אַ מלאך
געוואַכט איבער מיר.
טאָ זאָל זשע דאָס ליד זיין
אַ דענקמאָל נאָך דיר.

---

פאָרנדיק אין דער דראַזשקע איבער די נאַכטיקע, האַלב פינצטערער, וואַרשעווער גאַסן, האָט דאָס טרייסלען פון די האַרטע גומע־רעדער איבער דעם שטיינערנעם ברוק, צוזאַמען מיטן פערדישן מאָנאָטאָנעם קלאַפּן מיט די פּאָדקעווס ״קליק־קלאַק, קליק־קלאַק״, מיך פאַרוויגט און כ׳בין איינגעשלאָפן.

ביים אָנקומען צו ר׳ עלעס הויז, האָט דער טאַטע מיך אויפגעוועקט.

אַלע דריי – דער טאַטע, חיים, מיטן דראָזשקאַזש, האָבן אַראָפּגענומען ר׳ עלען פון דער דראָזשקע, אים אַריינגעטראָגן אין שטוב און געלייגט אין בעט אַריין.

מיין טאַטע האָט געזען, אַז ר׳ עלען ווערט נישט בעסער: ער ליגט ווי אין הינערפלעט און קען נישט רעדן, האָט ער מיט דער הילף פון מיינע עלטערע ברידער אָפּגעזוכט פון ערגעץ־ווו ישראל־יאָסלען, וועלכער איז געקומען פון זיין באַהעלטעניש און האָט באַפרייט מיין טאַטן.

ישראל־יאָסל האָט אַרויסגערפן אַ דאָקטער צום טאַטן. דער דאָקטער האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיטן קראַנן האַלט שלעכט... ער איז געזעסן ביים בעט און האָט צוגעזען ווי דער טאַטע זיינער גייט אויס... אַ פאָר טעג האָט ר׳ עלע געגוססט ביז ער האָט אָפּגעגעבן זיין נשמה דעם רבונו־של עולם...

* * *

אַז מיין טאַטע פלעגט אַ מאָל דערציילן די מעשה וועגן ר׳ עלעס נסתלק ווערן, פלעגט ער זי תמיד פאַרענדיקן מיט אַ טאָפּלטן מוסר־השכל. ערשטנס: ״קיינער ווייסט נישט, ווען מאָרגן עס איז...״ און צווייטנס: דעם רבינס ברכה ״ישראל־יאָסל וועט אי״ה אַהיים קומען״ – כאָטש פרום איז ער נישט געוואָרן – איז מקוים געוואָרן...

טויבע פּערטשוק

# איך טראָג אין מיין זיכרון

איך טראָג אין מיין זיכרון מיין ליבע שטאָט בריסק, כאָטש איך בין שוין יאָרן לאַנג ווייט פון איר. אַ פּאָעטישע שיינקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דער שטאָט וואָס האָט פאַרבונדן וואַרשע מיט מאָסקווע, ליטע מיט פּוילן און וואָלין. אירע צוויי טייכן, דער מוכאַוועץ און דער בוג זענען געווען נאַטירלעכע באַשיצער פון אירע גרענעצן. די ברייטע גאַסן און הויכעביימער אין ביידע זייטן האָבן צוגעגעבן דער שטאָט אַן עלעגאַנטן אויסזען. די צוויי גערטנער, דער קייסער־סאַד און דער שוסטער־סאַד האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַזוי אויך די בעז־ביימער, ווו פייגל האָבן געבויט זייערע נעסטן. דאָס בערגל אין קייסער־סאַד, נאָענט צו אַ טייכל, האָט געצויגן צו זיך די קינדער. זיי פלעגן זיך פאַרוועטן ווער עס וועט אַרויפלויפן און אַראָפּלויפן פריער ביז צום טייכל און זיך ניט פאַרנעצן די בגדים.

דער טייך מוכאַוועץ האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיינע יונגע יאָרן. בעת די זומער־וואַקאַציעס פלעגן מיר פאַרברענגען גאַנצע טעג, גרופּעס מיידלעך און ייִנגלעך, ביים טייך. מיר פלעגן מאַכן קונץ־שטיק אין וואַסער און זיך יאָגן ווער ס'וועט ווייטער אָוועקשווימען. מיר פלעגן זיך אַוועקגלאָזן אין קליינע שיפלעך, פאָרמירן אַ קרייז, און די געזאַנגען און געלעכטערס זענען דערגאַנגען צום זאַמריקן ברעג. ווען די זון האָט אָנגעצונדן דעם הימל און דעם טייך, פלעגן מיר זיך אַוועקלאָזן אין אַ געיעג אין קאַיאַקעט.

ביים ברעג פון טייך זענען געשטאַנען בענק, ווו יונגע פּאָרלעך האָבן זיך דערקלערט אין אייביקער ליבע. דער איינציקער עדות איז געווען די לבנה, אויף די ריינע ברייטע גאַסן פלעגן אַרומפאָרן דראָזשקעס און זוכן אַ קונה. פון צייט צו צייט האָט מען געזען דורכפאָרן אַן אויטאָמאָביל. פאַר די קינדער איז עס געווען אַ וווּנדער, ווי אַזוי קאָן אַ קאַסטן פאָרן אָן אַ פערד?

די פענצטער פון די קראָמען זענען געווען שיין דעקאָרירט מיט קליידער, צירונג, שפּילצייג און עסנוואַרג. טייל מאָל האָט מען אין גאַס געקאָנט הערן דאָס זינגען פון אַ פרוי. זי האָט געטראָגן אויף איר אַקסל אַ טאַץ מיט אולניקעס פאַרפּאַקט אין אַ זאַק, און גערופן: "הייסע אולניקעס, הייסע אולניקעס, בלויז צוויי גראָשן! דערקוויקט די נשמה! זיי צעגייען זיך אין מויל!"

עס איז מיר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען איך וועל מוזן פאַרלאָזן, זיך צעשיידן מיט מיין טיף אין האַרצן איינגעבאַקענער שטאָט, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, פאַרלאָזן מיין נאָענטע משפחה, די חברים, מיט וועלכע איך בין אויסגעוואַקסן.

מיר זענען געווען אַ פאַרצווייגטע גרופּע חברים און חברטעס. מיין עלטערע שוועסטער, רייזל, האָט אונדז אַריינגענומען אין איר גרופּע. זיי זענען געווען אַ סך מער אין צאָל ווי מיר, די ייִנגערע. מיר האָבן זיך געפילט זייער שטאָלץ. די מערהייט האָט געהערט צו די לינקע פּועלי־ציון, אַ קלענערע גרופּע האָט געהערט צום בונד. די דיסקוסיעס זענען געווען זייער הייסע. די פּועלי־ציוניסטן האָבן געטענהט, אַז מיר מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד מיט סאָציאַלער גערעכטיקייט; די בונדיסטן האָבן געטענהט, אַז ווו ייִדן וווינען דאַרפן זיי קעמפן פאַר גלייכהייט און גערעכטיקייט.

אונדזער אָרט פון צוזאַמענקומען, אויסער אינעם לאָקאַל פון דער פּאַרטיי, איז געווען ביי איינעם פון די עלטערע חברים, משה דער בלינדער. ער האָט געהאַט אַן אייגן הויז אויף דאָמבראָווסקע גאַס. משה איז געווען אַ מוסטער פּאַר אונדז, יונגוואַרג. מיט זיינע צוויי פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געקאָנט זען ווייטער און קלאָרער אַלץ וואָס קומט פאָר אין לעבן. ביי אים פלעגן מיר פאַרברענגען ביז אין מיטן נאַכט ביי אַ גלעזל טיי און היימיש געבעקס. דאָרט זענען אויך פאָרגעקומען פּאָליטישע און ליטעראַרישע דיסקוסיעס. מיר האָבן געטרוימט וועגן אַ בעסערער וועלט. וואָס פאַראַ וואונדערפולגע יוגנט איז דאָס געווען!

ווען איך בין אונטערגעוואַקסן האָב איך אָנגעהויבן זען, אַז ניט אַלץ איז אַזוי גלאַטיק און וואונדערפול. איך האָב אָפּגעפילט אויף מיין אייגענער הויט, אַז מענטשן קאָנען אויך האַסן איינער דעם אַנדערן, און ניט נאָר ליבן, און צייטנווייז אַפילו אָן אַ סיבה.

* * *

עס איז געווען אַ פרייטיק ביי נאַכט. די גאַנצע משפחה איז געזעסן אַרום דעם שבתדיקן טיש און געגאָסן פון דער יום־טובדיקייט וואָס האָט געהערשט אין שטוב. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַן אומגעדולדיק קלאַפּן אין טיר. צוויי שכנים זענען אַריינגעפאַלן, פאַרסאַפּעטע און זייער נערוועז, מיט אַ געוויין: "אַלטער! ליבע! איר ווייסט גאָרניט וואָס פאַראַ אומגליק עס האָט געטראָפן בלויז צוויי גאַסן ווייטער פון דאַנען. מען האָט דערהערגעט אונדזער שכן, דעם קרעמער. ער איז געזעסן מיט דער משפחה ביים שבתדיקן אָוונט־ברויט און אַ קויל איז דורכן פענצטער אַריין גלייך אין זיין האַרץ"...

מיר זענען געבליבן אָן לשון, געקוקט איינער אויפן צווייטן ווי פאַרשטומט. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין שיינער, זאָרגלאָזער יוגנט איבערצולעבן אַזאַ טראַגישע געשעעניש. יעדער האָט זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע: "פאַרוואָס? ער איז דאָך געווען אַזאַ גוטער, געמיטלעכער מענטש, ער האָט יעדן איינעם באַגעגנט מיט א שמייכל. פאַרוואָס?...

"פאַרגעסט ניט קינדערלעך, ער איז געווען אַ ייד" - האָט מיין טאַטע געזאָגט מיט אַ שטילן, אומעטיקן טאָן, באַגלייט מיט אַ טיפן, ווייטיקפולן זיפץ.

עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ גאַנץ אַנדערע וועלט פון יענער, וואָס איך האָב געקענט. אין 1936 האָב איך געזען פון צייט צו צייט גרופּעס יונגע פּוילישע בחורים מיט פּלאַקאַטן ביים אַריינגאַנג פון יידישע געשעפטן, מיט אויפשריפטן: "קויפט ניט ביי יידן". אויס מורא האָבן די קריסטן אויסגעמיטן יידישע קראָמען.

איך האָב געפילט, אַז די צייט בייט זיך. עס קען זיין, אַז דער דאָזיקער האַס איז ניט קיין נייעס, האָב איך געטראַכט. איך בין דאָך געווען פאַרגלייבט אין דער מענטשלעכער גוטסקייט.

דעם 13־טן מאַי 1937 זענען פּוילישע פאַשיסטישע כוליגאַנעס אָנגעפאַלן אויף יידן, זיי מערדערלעך געשלאָגן, געראַבעוועט קראָמען, צעשטערט היימען, און די פּאָליציי האָט זיך רויק צוגעקוקט. צוועלף שעה האָבן די כוליגאַנעס געבושעוועט און קיינער פון די מאַכט־אָרגאַנען האָט נישט געפרווט זיי איינשטילן. פינף הונדערט יידן האָבן געליטן. זעכציק זענען פאַרוואונדעט געוואָרן און דריי דערמאָרדעט. טראַכטנדיק וועגן יענער צייט דערמאָנען זיך מיר די ווערטער פון נאָבעל־פּרייז געווינער עלי וויזעל:

"עס שרעקט מיך ניט דאָס שלעכטס, עס שרעקט מיך די גלייכגילטיקייט צו שלעכטס"...

אַזוי גיך ווי עס איז דערגאַנגען דער קלאַנג וועגן פּאָגראָם, האָט מיין טאַטע פאַרקלאַפּט מיט ברעטער די טירן און פענצטער פון אונדזער שטוב, פון אינעווייניק און אויסנווייניק. מיט ציטערנדיקע הערצער זענען מיר געזעסן שטומע אין דער פינצטער. ביי יעדער קליינער באַוועגונג אין גאַס, אַפּילו אַ שפּרונג פון אַ קאַץ, זענען מיר פאַרציטערט געוואָרן: "אָ, זיי קומען! זיי זענען שוין נאָענט! באַלד וועלן זיי נעמען רייסן די ברעטער פון די פענצטער און טירן! באַלד וועלן זיי אונדז אַלעמען אויסהרגענען!" דאָס זענען געווען שווערע מאָמענטן פון פּיינלעכער שרעק.

אויף מאָרגן, נאָכן פּאָגראָם, איז געווען אַ פּוסטקייט אין די גאַסן. איך האָב געפילט פאַרדרוס און אַ שווערקייט אויפן האַרצן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ שניי וואָלט אַראָפּגעפאַלן איבער נאַכט. אין דער לופטן זענען אַרומגעפלויגן פעדערן. פעדערן פון יידישע פערענעס האָבן באַדעקט די גאַסן... ווינטער אין מיטן זומער!

מיין טאַטע איז געווען זייער אומרויק וועגן דעם גורל פון זיין ברודער שמחה, וועלכער האָט געוווינט אין אַ קריסטלעכער געגנט. מיט מורא און אומזיכערקייט האָבן מיר געשטעלט גיכע טריט, כדי וואָס שנעלער קומען צו מיין פעטער. דער פעטער שמחה מיט זיין פרוי און צוויי קינדער זענען געווען באַהאַלטן ביי אַ שכן אין אַ קעלער. זייער שטוב איז געווען אין גאַנצן צעראַבירט און צעשטערט. דער קאָפּ פונעם ניקלנעם בעט איז געווען צעדרייט און צעקוועטשט. עס האָט אויסגעזען ווי דער האַס וואָלט זיך איינגקאַרבט אין די קנייטשן פון דעם בעט־קאָפּ.

דער פּאָגראָם האָט געהאַט אַ שרעקלעכע ווירקונג אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אַ סך האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן פּוילן. מיין טאַטע איז אויך געווען ביי דער זעלבער מיינונג. ער האָט געזאָגט, אַז די געשיכטע חזרט זיך איבער: "אַ פּאָגראָם אין קעשענעוו, אַ פּאָגראָם אין קיעוו, מערדערייען, יידן ווערן פאַרברענט לעבעדיקערהייט אין זייערע הייזער, קאָזאַקן פאַרגוואַלדיקן יידישע מיידלעך... הפקר אַ וועלט!"

מיט אַ שווער געפיל האָבן מיר זיך גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן פּוילן. מיין געבוירן־שטאָט בריסק איז מיר געבליבן טיף איינגעבאַקן אין האַרצן.

## פון היים צו נע־ונד

דאָס מלחמה־טאָגבוך פון **לענא יעדוואַב־ראָזענבערג**, וואָס איז דערשינען אין יידיש אין פּאַריז אין 1999 יאָר, איז איצט דערשינען אין ענגלישער איבערזעצונג א"נ.

Girl With Two Landscapes

דאָס בוך, אַרויסגעגעבן דורך דעם ניו־יאָרקער פאַרלאַג **Holmes Meir** איז פאַרזען מיט אַ פאָרוואָרט פון אירענאַ קלעפּפיש און אַן אַריייפיר פון יאַן גראָס. אינעם פאָרוואָרט ווערט געזאָגט צ"א: דאָס בוך פון לענאַ יעדוואַב־ראָזענבערג "דאַרף געלייענט ווערן ביינאַנד מיט די שריפטן פון אַננאַ פראַנק און חנה סענעש צום טיפער דערקענען די דערפאַרונגען פון יידישע יוגנטלעכע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה".

דאָס בוך האָט איבערגעזעצט **סאָלאָן ביינפעלד**.

עקיבא פישבין / ירושלים

## דער משנה מקום... פון חיים סוטין

דער אַריינקום פון יונגן חיים סוטין קיין פּאַריז (1913) איז געווען אַ קלאַגעדיקער. איי, איז אים געווען שווער און ביטער. נישט אַריינגעטראָפן האָט ער מיטן משנה מקום. עפּעס איז ער די שוועל פון דער שטאָט אַריבער מיטן לינקן פוס... שולדיק איז דאָ, אין תוך, דאָס פינצטערע שעכטהויז בשכינות מיטן מקום, ווו ער האָט זיך באַנעסטיקט - ער האָט דערפון נישט קיין מנוחה - נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט!

ווי אַזוי גיט מען זיך אַן עצה? וואָס טוט מען? כאַטש נעם און הענג זיך אויף!...

(מען שמועסט, אַז ס'האָט דערביי געהאַלטן, פון שטריק האָט חיימען געראַטעוועט זיין חבר פנחס קרעמען).

הקיצור - דאָס לעבן פון אָרעמען בחור איז געווען אַ גיהנום! ער איז ביים לעבן אָפּגעקומען דעם חיבוט הקבר... און דאָך קלינגט דאָס אַלץ אַביסל מאָדנע. האָט דאָך אין דעם מלך אביונס שלעסער "לאַ ריש' (דער בינשטאָק), ווו חיים האָט אָוועקגעלייגט זיין רענצל, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַ גאַנצע מחנה יונגע קינסטלער מארבע פינות העולם: זיי האָבן דאָרט געשאַפן אוצרות פון קונסט - נו? האָט דאָס אַנגסטיקע כאַרכלען פון בהמות, וואָס האָט זיך דערטראָגן צום "לאַ ריש", עמיצן געקימערט.? אסור! ס'האָט טאַקע אַרויסגערופן שוידער, אָבער קיינער האָט זיך דערפון נישט געמאַכט.

קיינער פון דער חברה האָט זיך נישט איבערגענומען וואָס דער געשטאַנק פון פאַרגליווערטן בלוט האָט פאַרפּעסטעט די לופט. די אַלע "קלייניקייטן" זענען דעם יונגן עולם אָנגעגאַנגען עלעהיי דער פאַראַיאָריקער שניי. והראיה - נעמט, אויף טשיקאַווע, דעם יונגן מאַרק שאַגאַל, דעם שכן פון חיים סוטין אין "לאַ ריש". ער זאָגט דאָך, דער יונגער שאַגאַל, אַז יעדעס מאָל, ווען ער הערט די בהמות דערלאַנגען לשון, גיט אים אַ ציפּ דאָס געמיט - ער דערמאָנט זיך זיינע ליבע קינדער יאָרן, זיינע באַזוכן ביים זיידן, דעם קצב און דאָס פאָרען זיך מיט די קעלבלעך... איי, איז דאָס געווען אַ פאַרגעניגן! פאַר אים זענען די קולות פון שעכטהויז נישט קיין מניעה. פאַרקערט, זיי שפּינען ביי אים דעם זיסן טעם פון זכרונות און שטויסן צו יצירה!

הערט נאָר א מעשה! אויף חיימען יאָגט אָן דאָס רעווען פון די בהמות ערב שחיטה אַן אימה, אַז דאָס בלוט טוט אים פרירן אין די אָדערן, מאַרק שאַגאַל איז דערפון גאָר מלא שמחה! דער קאָפּ וואָקס אויף אים - ער דערמאָנט זיך די קינדער יאָרן! נו גיי - פאַרשטיי מענשטן!

- יאָ - נישט בחנום שטייט אָפּ שאַגאַל אין "לאַ ריש". גאַנצענע נעבט ביים מאָלברעט. זיין פּענדזל - ער באַשאַפט דאָך פאַנטאַסטישע שטיקער לעבן פון זיינע קאַנטן. אויס בענקשאַפט נאָך וויטעבסק צעוויכערן זיך די סטרונעס פון זיין נשמה, אַז ס'איז הימל עפן זיך! זיין שעפערישער אָטעם וויקלט אויס אַ קאַראַהאָד, אַ פּאָעטיש - פאַרביקן, פון מענטשן און בעלי־חי - עפּעס אַ וועלט פון ניסים ונפלאות! נו, מאַ - שאַגאַל האָט פון זיינע קינדער יאָרן גוטע זכרונות צו דערמאָנען, ווייל איז אים! געהאַט מזל צו אַ גליקלעכר קינדהייט. אָך־און־ווי איז צו דער קינדהייט, וואָס חיים האָט פאַרזוכט אין זיין היים אין סמילאָוויטשי.

* * *

קורץ פון דער זאַך - דער יונגער חיים סוטין האָט נישט זוכה געווען צום משנה מזל! פאַריז האָט זיין געמיט אויף אַ האָר נישט פאַרבעסערט. אים האָט איינגעהילט אַ

פֿאַרביטערטע שווייגעניש: אַן אַנגסטיקע משא האָט געדריקט זיין נשמה. אַ גרויער טומאַן האָט פֿאַרטונקלט דעם בליק פֿון זיינע אויגן, פֿאַרטונקלט זיין שטימונג! מענטש און וועלט האָבן געטוישט זייער מראה. אין גרויס פֿאַרצווייפֿלונג האָט חיים קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. טשיקאַווע, אינעם געדיכט באַפֿעלקערטן "לאַ ריש", ווו פֿאַר אַ שבוש האָט יעדער קינסטלער געהאַט אַן אייגן שטיקל פּלאַץ, צו וווינען און עוסק זיין אין יצירה, האָט אויך חיים, זאָגט מען, געהאַט זיין אייגן ווינקל. שלאָפֿן אָבער, דערציילט דער סקולפּטאָר לעאָן אינדענבאַום, אַ לאָקאַטאָר בשעתו אין "לאַ ריש" – שלאָפֿן פֿלעגט דער אומרויקער חיים אין דער פֿרעמד: אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעוואַלגערט אַ נאַכט ביי פּנחס קרעמען, אַ מאָל ביי קיקאָינען און אָפֿט מאָל גאָר ביי יצחק דאָברינסקי, די גוטע נשמה, וואָס האָט אויף דעם מאָדנעם בחור געהאַט רחמנות, געטיילט מיט אים נישט איין מאָל דעם קאַרגן ביסן.

האָניק האָט אין דאָזיקן "בינשטאָק" קיינער נישט געלעקט, און דאָך: עפּעס האָט קיינער נישט אויסגעזען אַזוי אָפּגעלאָזן, ווי חיים דער פֿאַרביסענער שווייגער. מען זאָגט, אַז אין די גרעסטע היצן פֿלעגט ער אַרומדרייען זיך אין אַ צעפּליקטן מאַנטל, אָן אַ העמד אויפֿן לייב מיט אַ ברייטן פּאַריזער קאַפּעליוש טיף פֿאַרזעצט איבערן פּנים, אפֿשר צו פֿאַרדעקן דעם טרויער וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיינע אויגן. (אגב, שטייט אין אַ פּאַריזער סקווער, אין דער געגנט פֿון מאָנפּאַרנאַס, אַ גרויסער סוטין־מאָנומענט פֿאַרמלבושט אין דעם הולך).

אַנדרעי סאַלמאָן, אַ פֿראַנצויזישער פּאָעט פֿאַרחברט מיט דער יידישער חברה אין "לאַ ריש", ברענגט אַ נעגאַטיוו בילד פֿונעם יונגן סוטין פֿון בשעתו. חברה האָט נישט ליב געהאַט דעם אייביק פֿאַרכמאַרעטן חיים; מיט רוגזה פֿלעגט ער שאַרף־קאַנטיק זיך מיט יעדן באַנעמען. אין זייערע אויגן האָט דער בחור אויסגעזען אַ "נישט דערבאַקענער." אויף אַ הוספֿה כאַפּט ער נאָך מסתמא אַן איבעריקן שלינג משקה... וואָס איז דאָ צו רעדן – גרויסע מחזקות מיט חיימען האָט חברה נישט געפֿירט: זיי האָבן געלאַכט פֿון זיין פּירעכץ און אים דערווייטערט. – אויף די פֿאַרוויילונגען אין "לאַ ריש" אים נישט אַריינגענומען אין קאָן אַריין.

יאָ – לאָמיר באַמערקן – אויף צו להכעיס דעם הונגער האָט דאָס יונגוואַרג אין "לאַ ריש" געפּראַווועט בעלער: מען האָט זיך צעבריקעוועט – געטאַנצט און געהוליעט אויף וואָס די וועלט שטייט! איז ווען יונגוואַרג האָט זיך געלאָזט ווילגיין – פֿאַרגעסן די טאָג – טעגלעכע נויט – האָט חיים זיך דאָרט אַרומגעדרייט אונטערן הימל, הין און צוריק, און בסוף אַ פֿאַרשמאַכטער, זיך אויסגעצויגן אויף אַ באַנק, אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש איבערן פּנים און אָפּגעכראָפּעט אַ נאַכט, ביז די פֿרימאָרגנדיקע קעלט, האָט אים אַ ציפּ געטאָן – דערמאָנט, אַז שוין צייט צו נעמען די מאָלערישע כלים צו דער אַרבעט. הכלל – קיינער פֿון דער חברה האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וועלן פֿאַרשטיין דעם אָרעמען בחור. אַפֿילו זיינע נאָענטסטע חברים פֿון דער ווילנער קונסט־שולע האָבן זיך נישט גענומען די מי דעם אַנגסטיקן נשמה־קנופּ זיינעם אויפֿצוּוויקלען.

אין דער אמתן האָט יעדער געהאַט זיינע זאָרגן – די זאָרג יאַקאָש איבערצוקומען דעם טאָג מיט אַ ביסן ברויט. און די זאָרג פֿון יצירה ווו איז? אין "לאַ ריש", אין יענע יאָרן, האָט דאָך געראָיעט מיט קינסטלערישע "איזמען", ווי אין אַ בינשטאָק. און יעדער "איזם" האָט געלאָקט די פֿאַנטאַזיע, פֿינקלדיקע נייעסן אַרויסגעבערענגט. די דיסקוסיעס אַרום די נייעסן האָבן זיך צעפֿלאַקערט אין אַלע שפּראַכן, מיט יידיש בתוכם. ס'האָט זיך

געטאָן אויף טיש און אויף בענק...

הקיצור - חברה האָט אויף חיימען וויניק אַכט געלייגט. אַפּילו אויף זיין יצירה זיך נישט אומגעקוקט. אייגנטלעך, וואָס איז מ"שטיינס געזאָגט לויט זיי פאַראַן דאָרט צו זען? פייזאַזשן צערודערטע אָן לאָגיק, אָן אַ פּיצל שכל פאַר קאָמפּאָזיציע? אין זיינע פייזאַזשן הערשט דאָך עפּעס אַ מאָדנער געפיל פון אַנגסט... ווי ווערט מען דאָס באַהערשט פון אומעט אין אָנבליק פון דער נאַטור - האָט דאָס יונגוואַרג בשום אופן נישט פאַרשטאַנען. און די פאַרבךפלעקן, וועלכע חיים וואַרפט אויפן לייוונט - אַ מראה האָבן זיי ווי געבוירן פון אַ שיכורן פענדזל... אַלץ עפּעס קומט אַרויס ביי דעם יונג צעדרייט, דעפאָרמירט - אָן אַ טעם און אָן אַ ריח... אַט, נעמט אויף טשיקאַוועס זיינע בלומען, אָדער די "שטיל־לעבנס" זיינע. נו? - זאָגט חברה - האָבן די בילדער אַ טעם? ווייס־ער־וואָס! טאַקע אמת - "טויטע נאַטור"... און יונגוואַרג האָט געפּסקנט - ניין! חיים איז ווייט נישט קיין מאָלער! אַ מאָלער וועט ער שוין נישט זיין. ער איז אַ "שמירער". חיים - און דאָס איז עס... והראיה - ער קאָן דען פאַרקויפן אַ בילד? וועלכער זאַכלעכער מענטש וויל באַלד אָנקוקן זיינע שמירעכצער? ער אַליין טוט אויף פּיך־פּיצלעך צערייסן און צעשניידן זיינע "ווערק"...

קורץ און שאַרף - חברה האָט האַרט באַשלאָסן - חיים וועט שוין קיין לייט נישט זיין! איז אָבער די מעשה - וואָלט נאָר חברה געהאַט חשק, און געדולד, צו פאַרשטיין דעם אָרעמען, אייביק אַנגסטיקן בחור; וואָלטן זיי נאָר געוואָלט אים אַריינקוקן מיט געדולד אין פּנים אַריין, אין די אומעטיקע אויגן זיינע אַריינקוקן - איי - וואָלטן זיי דערטאַפּט דעם אייביקן פּחד זיינעם, וואָס קוועלט און לאָזט נישט לעבן: זיי וואָלטן באַנומען זיין רוגזה לגבי מענטשן, זיין נישט אַבסאָלוט־נאָרמאַלע האַלטונג. אַנדערש וואָלטן זיי געגומען קוקן אויף זיינע בילדער, אַנדערש דאָס אויסטערלישע, דאָס נישט נאָרמאַלע, געזען און באַטראַכט. אַלץ וואָלט דאָך געוואָרן פאַר זיי קלאָר און באַשיידן, וואָלטן זיי נאָר געהאַט חשק און געדולד - זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז דער יונגער חיים סוטין איז נישט עפּעס דאָרט סתם אַ "שמירער" רחמנא לצלן: ער איז נישט צעדרייט, חס ושלום, און אַוודאי נישט משוגע! דאָס אַלץ איז ביי אים אַ פּועל יוצא פון אַ געראַנגל, אַ וועלכן ער פירט קעגן דעם אייביקן אַנגסט און פּחד זיינעם. אַ פלאַקער פון רעוואָלט האָט אים אַרומגעכאַפּט קעגן זיין ביטערן גורל. וואָלט ער נאָר געקאָנט, וואָלט ער זיין גורל אָנגעכאַפּט ביים האַלדז, און אים מיט אַן אויפטרייסלענדיק געשריי געוואָרגן. אָבער...

ווי'זשע מאַכט מען, אַז דער געשריי בלייבט ביי אים שטעקן אין האַלדז... בשום אופן קאָן דער געשריי פון פּראָטעסט נישט אַרויס פון זיין האַלדז... ובכן - שרייט ער מיט פאַרבן און פאָרמען אין זיינע בילדער. זאָלן כאַטש די פּייזאַזשן זיינע, זיינע שטיל־לעבנס שרייען און ליאַרעמען: זאָלן זיי פאַר דער וועלט אויסבריען זיין וויסטן אַנגסט:

וואָס די בייזע צונגען רעדן אַלץ אויף אים אויס... אסור לדבר רעדן זיי אויס! ס'טייטש, האָט ער דען, חיים, ביי די גרויסע מייסטערס נישט געלערנט, ווי אַזוי אויסוויקלען אַ פּיקטוראַלע סטרוקטור מיט אַ טעם? ער האָט געלערנט. מיט התפּעלות טוט ער אַ רעמבראַנד אַנאַליזירן. ער שטייט דאָך ביי אַ בילד פון קורבע שעהנווייז מיט אַן אָפּן מויל. וואָלט ער דען נישט געוואָלט צעשיינען בעסער אַ וועלט, אין זיינע ←

גרוניאַ סלוצקי־קאהן

## די צונג

מיין גרעסטער שונא איז די צונג,
"וואָס אויף דער לונג, איז אויף דער צונג".
וויפל איך זאָל זי ניט בעטן: "שוויג,
ליג רויק, רו זיך אַ ביסעלע אָפּ".
דרייט די צונג מיטן קאָפּ: ניין!
"דו ווייסט דאָך אַליין, איך בין נישט קיין שטיין,
איך בין די צונג, 'כקען ניט רוען.
איך מוז זיך רירן, אַריינקוקן אין יעדן ווינקעלע,
אויסגעפינען אַלע סודות:
ווער ס'פּאַרראַט די פרויען,
ווער ס"פּאַרראַט די מענער,
וועלכע זינד איז גרעסער,
וועלכע זינד איז קלענער".

אַ צונג איז אַ צונג,
ס'העלפט ניט קיין בעטן,
מען קען זיך מיט דע צונג נישט גטן,
די צונג האָט אַזאַ כוח,
זי ווייס, וואָס ס'טוט זיך ביי אויך אין מוח.
די צונג זעט יעדן פעלער,
צעלייגט דעם פעלער אויפן טעלער
און מאַכט אייך מיט בלאָטע צו גלייך.
עס העלפט נישט קיין חכמה,
עס העלפט נישט קיין גבורה,
ס'הולפט אַפילו ניט קיין געלט,
אַ בייזע צונג קען אומברענגען די וועלט.

---

בילדער שטיקער זון אַריינפלעכטן, אָפּטימיזם דעם בן אדם אונטערטראָגן וואָלט ער געוואָלט! נו, מילא - גיי טו עפּעס, אַז ס'טוט זיך נישט... אדרבא. - קוקט נאָר אַריין אין זיין נשמה! ער איז דאָך, חיים, אַ קרבן פון שרעק, פון אַנגסט און אָנמיכט - געווי, ווי די דריי אָנמאַכטיקע הערינג אויפן טעלער, וואָס ביי אים אויפן בילד. אדרבא - קוקט דאָס בילד "די דריי הערינג", אין שרעק פּאַר די שפּיציקע גאָפּל, וואָס גייען פון זיי מאַכן אַ סוף, האָבן זיי צעעפנט די פּיסקעס - געוואַלד!!! - האָבן זיי געוואָלט שרייען... נו, מאַ, זיי האָבן געוואָלט טאַקע שרייען - זיך ראַטעווען. ליידער, פון אָנמאַכט נישט באַוויזן. דער געשריי איז ביי די הערינג געבליבן שטעקן אין האַלדז... געווי, ווי ביי חיימען, דעם בעל־יצירה זייערן...

פאַרוואָס וויל אים די חברה נישט פאַרשטיין? פאַרוואָס זאָל מען אויף אים אויסרעדן אסור לדבר. פאַרוואָס?!

ווייַ איז צו אים! ווי איז צו זיין גורל!...

אליביידער / ירושלים

# מענטשן דערציילן

די עליה פון רוסלאַנד האָט געבראַכט אין יידישן היימלאַנד אַ סך געלערנטע, אינזשינירן, דאָקטוירים, מוזיקער, לערער. אייניקע פון זיי זענען העלדישע מענטשן, אַסירים פון געטאָ בעשת דער היטלער־אָקופּאַציע. איינער אַזאַ איז אפרים וואָלף. ער האָט געלעבט אויף אוקראַינע, אין דעם יידישן שטעטל זשמערינקע, עולה געווען אין 1973. געאַרבעט ביז 1990 אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק. און 1986 יאָר האָט ער פאַרלוירן די ראיה. אָבער אפרים וואָלף איז נישט פון די, וואָס גיבן זיך אונטער. שרייבן לידער האָט ער אָנגעהויבן נאָך און דער יוגנט. אין 1981 יאָר דערשיינט זיין בוך לידער "דער וועג" אויף רוסיש, אוקראַיניש און 2 לידער אויף יידיש. צו דער מערהייט לידער האָט ער געשאַפן מוזיק.

און 1996 יאָר דערשיינט אויף עברית זיין בוך "דער שטייגער באַ יידן" וועגן דעם דענקער יוסף פּאַפּערעלינקוס, און אין 1997 יאָר אויף רוסיש. אין 2000 דערשיינט זיין בוך "געשעענישן אין אוקראַינע אין 1917-1919 יאָרן". סוף 2001 יאָר גיט ער אַרויס דאָס בוך "זכרונות פון געוועזענע אַסירים פון זשמערינקער געטאָ".

די פּרעזענטאַציע פון דעם בוך איז פאָרגעקומען אין קלוב פון דער אָרגאַניזאַציע "תזינה" און אין דער שטאָטישער רוסישער ביבליאָטעק אין ירושלים. עס זענען אַרויסגעטראָטן און זיך געטיילט מיט זייערע איינדרוקן יעלענאַ קאָסאָנאָווסקאַ, פּראָפ' מאַסקאָוויטש א"א.

אין ערשטן טייל פון בוך באַשרייבט אפראים וואָלף זייער אויספירלעך די געשיכטע פונעם יידישן שטעטל זשמערינקע. די צייט ווען די דייטשן זענען אַריין אַהין, די לאַגע אין געטאָ, ווו די אוקראַינער קאָלאַבאָראַנטן האָבן צוזאַמען מיט די נאַציס געראַבעוועט און אומגעבראַכט די יידן. דער מחבר דערמאָנט אויך ווי טייל אויקראַינער האָבן אויסבאַהאַלטן ביי זיך יידן, ריזיקירנדיק מיט זייער לעבן. גרויס אינטערעס רופט אַרויס די באַשרייבונג פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע "איינינקייט" וואָס איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1944 יאָר. די גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען מוני ספּיוואַק, מאיר געלפאַנד, אַליק כאַדאַקאָווסקי און וואַווע קערצמאַן. אפרים וואָלף איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע אין 1947־סטן יאָר. זיי אַלע זענען געווען יוגנטלעכע אין עלטער פון 14-15 יאָר, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם געטאָ. זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איינציקע מיטל צו לייזן די אייביקע "יידן־פראַגע" איז צו שאַפן אַ יידישע מלוכה אין דעם היסטאָרישן יידישן היימלאַנד, אין ארץ ישראל.

זיי האָבן געוווסט, אַז די אידעע טראָגט מיט זיך אַ גרויסע געפאַר אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, און זיי זענען געווען זייער פאָרזיכטיק. זיי האָבן געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט זיי געלונגען איבערגיין צו אַן אָפענער טעטיקייט און זיי וועלן קאָנען איבערצייגן די מאַכט־אָרגאַנען מיטצוהעלפן רעאַליזירן זי, ווייל אַלע אַנדערע פרוון אין רוסלאַנד זענען דורכגעפאַלן.

די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען אין פירן אינדיווידועלע שמועסן, פאַרשפּרייטן פלוגבלעטלעך און אַרויסגעבן אַ בולעטין אין דער רוסישער שפּראַך. דאָס לעצטע האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, אָבער פלוגבלעטלעך האָבן זיי פאַרשפּרייט און מינדלעכע אַגיטאַציע געפירט אין קיעוו, וויניצע און זשמערינקע. זיי

האָבן אויך איבערצייגט די יידישע שילער פון 8־טן און 9־טן קלאַס נישט צו גיין אין שול אין די טעג פון פסח, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סקאַנדאַל.

אָנהייבנדיק פון פעברואַר 1949, ווען עס האָט שוין אין לאַנד געבושעוועט די היסטעריע פון קאָסמאָפּאָליטן, וואָס איז פאַקטיש געווען אַן אַנטיסעמיטישע אַקציע, זענען די אָנפירערס פון "איינוקייט" אַרעסטירט געוואָרן. ספּיוואַק איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 25 יאָר קאַטאָרגע. געלפאַנד, קערצמאַן, כאַדאַקאָווסקי, סויכער, מישפּאַטמאַן און וואָלף - אויף 10 יאָר, און טאַטיאַנע כאַראַל און גערוויס - אויף 8 יאָר. ערשט נאָך סטאַלינס טויט זענען זיי, אין 1945־סטן יאָר, באַפרייט געוואָרן. נאָך זייענדיק אין לאַגער האָט אפרים וואָלף אָנגעהויבן פאַרלירן די ריאה.

אין צווייטן טייל פונעם בוך קאָן מען זיך באַקענען מיט 42 אינטערוויוען פון אסירים, וועלכע דערציילן וועגן זשמערינקער געטאָ.

* * *

בעת דער פייערלעכקייט אין דער ירושלימער יידישער קולטור־געזעלשאַפט לכבוד יום העצמאות איז אַרויסגעטראָטן מיט זכרונות פונעם קאַמף פאַר דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל דער געוועזענער אָנטייל נעמער אין די שלאַכטן אריה מונזין. ער האָט דערציילט:

זיין עלטער־זיידע איז געקומען קיין ירושלים פון רוסלאַנד, רייטנדיק אויף אַ פערד, אין 1830־סטן יאָר. ער איז געווען פון די ערשטע צען אשכנזים, וועלכע האָבן געשאַפן די אשכנזישע קלויז, און אויך געווען היטער פון די הייליק פלעצער.

אריה מונזון איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין אַ משפּחה וואָס האָט מיטגעהאָלפן דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה. צו 14 יאָר ווערט ער איינגעשלאָסן אין די רייען פון "הגנה". צו ערשט האָט ער זיך פאַרנומען מיט קלעפּן אויף די ווענט צייטונגען און פלוג־בלעטלעך און דערפאַר איז ער אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעקומען מיט קלעפּ און הונגער אין דער טרויעריק באַוווסטער טורמע קישלע.

צו 16 יאָר האָט אריה זיך אָנגעשלאָסן אין "פּלמ"ח"; האָט אַדורכגעמאַכט דעם שווערן קאַמף פאַר ירושלים. ער דערציילט, אַז ער געדענקט נאָך גוט, ווען אין זיין פריער יוגנט איז אין דער שענסטער שטאָט אויף דער וועלט- אין ירושלים - געווען שווער און אומרויק פאַר יידן; אַראַבער פלעגן זיי באַוואַרפן מיט שטיינער און די ענגלישע פּאָליציי האָט אויף דעם געקוקט גלייכגילטיק. "די עלטערן - דערציילט ער - האָבן נישט געוווסט וווהין ער, אַ 13 יאָריקער בחור, גייט און מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך. צו 16 יאָר האָט מען אים אין "הגנה" געלערנט זיך באַנוצן מיט מאַשין־געווער.

די אַראַבער זיינען געווען סיי אין ירושלים, סיי אין אַנדערע שטעט. שווער איז געווען דאָס לעבן אויך פריער, אָבער נאָך שווערער איז געווען ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין מאַי 1948 די באַפרייונגס מלחמה.

גרויס אינטערעס האָט אַרויסגערופן אריה מונזונס דערציילונג וועגן דעם, ווי ער פערזענלעך האָט געשאָסן אויף די אַראַבער מיט דעם "האַרמאַט" דאַווידקאָ. דעם אַזוי גערופענעם האַרמאַט האָט געשאַפן דער ירושלימער תושב דוד ליבאָוויץ. די האַרמאַטן קויל פלעג פּלאַצן מיט אַ גוואַלדיק הויכן אָפּקלאַנג און האָט אַרויסגערופן ביי די אַראַבער אַ גרויסע בהלה. זיי זיינען איבערצייגט געווען, אַז דאָס זענען אַטאָם־באָמבעס און דעריבער מיט גרויס שרעק אַנטלאָפן.

# אַנגעקומען אין רעדאַקציע

* **יעקב בעלעק**: "דער בעל־חלומות פון מאַנהעטן", דערציילונג, 122 זז', י.ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, תּל־אָביב 2002. הילע געצייכנט פון קינסטלער־פּאָעט **משה בערנשטיין**. אינעם בוך, וואָס איז געבויט אויף אַ צונויפֿמיש פון וויזיע און ווירקלעכקייט, פֿירט דורך דער מחבר אַ היסטאָרישן דין וחשבון מיט דער קריסטלעכער וועלט און איר רדיפות קעגן יידישן פֿאָלק.

* **אהרן שפּירא**: "מענטש און גורל". דער מחבר, אַ געוועזענער ישיבה־בחור און מיטגליד פון דער בונדישער אַרקאַדי־גרופּע אין פּוילן, שילדערט אינעם בוך פון 567 זז' זיין קאָמפּליצירטן לעבנס־וועג אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן און די נע־ונד יאָרן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אויפֿן פֿאָן פון זיין סביבה. י.ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, תּל־אָביב 2002.

* **טרויס קאַץ הענדלער**: "שימחה", עפּיסאָלאַרישע ליבע־לידער. אַרויסגעגעבן דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿעדעראַציע פון יידיש־קלובן, מילוואָקי 2002. די דריי און זיבעציק אָריגינעלע ליבע־לידער וואָס זענען צונויפֿגעזאַמלט איינעם בוך, זענען אַן אָפּקלייב פון 500 לידער, ווי עס שרייבט די מחברין אין איר הקדמה, וואָס זי האָט אָנגעשריבן נאָך דער פּטירה פון איר טאַטן, דעם באַוווסטן יידישן פּאָעט מעינקע קאַץ, אין 1991־סטן יאָר. די לידער זענען געדרוקט אין יידישן אָריגינאַל, אין לאַטייניישער טראַנסליטעראַציע און אין ענגלישער איבערזעצונג פון **שמעון ביילעס**.

* **"יידישע קולטור"**, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל 2002, רעדאַקטאָר - **איטשע גאָלדבערג**, רעדאַקציע־סעקרעטאַר - **שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש**. דער נומער איז געווידמעט דעם יידישן קולטור־שאַפֿן אין לאָס־אַנדזשעלעס, אָדער, ווי עס שרייבט דער רעדאַקטאָר "אויף וויפֿל האָט לאָס־אַנדזשעלעס זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די שפּאַלטן פון זשורנאַל". עס זענען פֿאַרעפֿנטלעכט שאַפֿונגען פון **ה. רויזנבלאַט**, **י. פֿרידלאַנד**, **משה שקליאַר**, **מלכה חפֿץ־טוזמאַן**, **איטשע גאָלדבערג**, **משה וואָלף**, **חיים שוואַרץ**, **י..אַ ראַנטש**, **לילקע מייזנער**, **הערשל סלוצקי**, **פּ. פֿלאַטקין**, **יוסף סאָסקי** א"א.

* **"די צוקונפֿט"**, ניו־יאָרק, אַפּריל 2002. דער עלטסטער יידישער ליטעראַרישער זשורנאַל אין אַמעריקע האָט אַ נייעם, יינגערן, וויזועלן אויסזען, און אויך אַ נייעם רעדאַקטאָר - **איציק גאָטעסמאַן**. ווינטשן מיר דעם זשורנאַל און זיין יונגן רעדאַקטאָר אריכת ימים. צום וווּיל פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

* **"לעבנס־פֿראַגן"**, תּל־אָביב יולי־אויגוסט 2002. סאָציאַליסטישע חודש־שריפֿט פֿאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפֿט און קולטור. רעדאַקטאָר - **יצחק לודען**. דער נומער עפֿנט זיך מיט אַן עסיי פון **דוד וואָלפֿע** א"נ "צוועלפֿטער אויגוסט 1952-2002" און איז געווידמעט כמעט אין גאַנצן דער טראַגישער דאַטע - פֿופֿציק יאָר זינט דעם מאָרד איבער די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס.

***"אונדזער צייט"**, ניו־יאָרק, יאַנואַר־פֿעברואַר 2002. אָרגאַן פון קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון בונד, רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* **"אויפֿן שוועל"**, ניו־יאָרק, יאַנואַר־מאַרץ 2002. געזעלשאַפֿטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע. רעדאַקטאָר - **ד"ר מרדכי שעכטער**.

* **"יידישע העפֿטן"**, פּאַריז, יוני 2002 רעדאַקטירט דורך אַ קאָמיטעט: **קלאָד העמפּעל**, **מרדכי לערמאַן**, **מילכה שולשטיין** און **שאַרל זאַבוסקי**.

* **"דוד האָפֿשטיין פּרייז"**, זיבעטע פֿאַרטיילונג, תּל־אָביב, יוני 2002. היינטיקס יאָר האָבן דעם פּרעסטיזשפֿולן פּרייז באַקומען די שרייבערין **יענטע מאַש** און די אַקטריסע **עטל קאָוועגסקי**. די בראַשור, וואָס באַגלייט די פֿאַרטיילונג פונעם פּרייז, עפֿנט זיך מיט אַ ציקל לידער פון **דוד האָפֿשטיין** און אַ פֿראַגמענט פון די זיכרונות פון דער דיכטערין **שפּרה כאָלאָדענקאָ** וועגן איר "ברודער דוד האָפֿשטיין אין די יונגע יאָרן"!

# כראָניק פון לאָס אַנדשעלעסער יידישן קולטור-קלוב

## 2002

* מוצאי שבת דעם 16־סטן אַפּריל, לעקציע פון **יעקב באַסנער** אד״ט: יצחק קאַצענעלסאָן, זיין לעבנס־וועג און טראַגישער אומקום, פראַגמענטן פון דער פּאָעמע ״דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״.

* זונטיק דעם 21־סטן אַפּריל, יזכור־אָוונט לכבוד די העראָישע געטאָ־קעמפער און די זעקס מיליאָן יידישע קדושים. אין פּראָגראַם: אַריינפיר־וואָרט - **לילקע מייזנער**; זעקס סימבאָלישע ליכט האָבן געצונדן פאָרשטייער פון דער שארית הפליטה; דראַמאַטיזאַציע וועגן לעבן און אומקום פונעם יונגן ווילנער פּאָעט הירש גליק, (אין יידיש און ענגליש) צוגעגרייט פון **הערשל האַרטמאַן** און אויסגעפירט מיט זיין באַטייליקונג דורך **עלען בלומענפעלד** און **קאַטרין דזשעימס**.

* מוצאי שבת דעם 4־טן מאַי, לעקציע פון **בעבע לעווענטאַל** אד״ט: די היסטאָרישע קולטור־ירושה פון ווילנע - ירושלים דליטא. מוזיקאַלישער טייל אויסגעפירט דורך דער זינגערין **פּעי אַבראַמאָוויטש**.

* מוצאי שבת דעם 1־טן יוני, רעפעראַט פון **לילקע מייזנער** אד״ט: דער איינפלוס פון פראַנץ קאַפקאַ אויף דער וועלט־ליטעראַטור. מוזיקאַלישער טייל - **רימאַ בערמאַן**.

* מוצאי שבת דעם 8־טן יוני, לעקציע פון פּראָפ׳ **הערשל סלוצקי** וועגן דער געשיכטע פון יידישן קינדער־טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס. מיט דערמאָנונגען פון יענער צייט האָבן זיך געטיילט געוועזענע קינדער־אַקטיאָרן וואָס זענען ספּעציעל געקומען צו דעם אָוונט.

* מוצאי שבת דעם 19־טן יוני, אָפּשלוס פון דעם סעזאָן. **יעקב באַסנער** האָט פאָרגעלייענט פון די שאַפונגען פון שלום עליכם און דעם רייכן מוזיקאַלישן פּראָגראַם האָט אויסגעפירט דער פידלער **סעם קאָנווייזער** ביי דער פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון זיין טאָכטער, **אַלאַ קאָנווייזער**.

* זונטיק דעם 11־טן אויגוסט האָבן מיר, אין זאַל פון אַרבעטער־רינג, אָפּגעמערקט די 50־סטע יאָרצייט פונעם מאָרד איבער די יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס אין געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער צוזאַמענקום איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס־אַנדזשעלעס, צווישן זיי: דער יידישער קולטור־קלוב, אַרבעטער־רינג, ״יידישקייט״, די שלום־אָרגאַניזאַציע א״א. אַ גרויסער עולם איז געקומען אָפּגעבן כבוד די קרבנות פון סטאַליניסטישן טעראָר.

דעם צוזאַמענקום האָבן געעפנט מיט אַריינפיר־ווערטער אין ענגליש און יידיש **עריק גאָרדאָן** פון אַרבעטער־רינג און **לילקע מייזנער** פון יידישן קולטור־קלוב. **הערשל האַרטמאַן** פון דער שלום־אָרגאַניזאַציע האָט צוגעגרייט אַ קורצן נאַראַטיוו, געלייענט דורך **ראָז לעווין**, **אַלען לעווין**, **גערי מאַרגוליס** און **אירי קראַמער**. אַ ריי לידער פון די אומגעבראַכט דיכטערס האָט געזונגען דער כאָר פון אַרבעטער־רינג אונטער דער אָנפירונג פון **רות יודקאָוויטש**. עס זענען פאָרגעלייענט געוואָרן לידער פון פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, איזי כאַריק א״א. ווי אויך לידער פון די היגע דיכטערס משה שקליאַר און **פּיניע פּלאָטקין** געווידמעט די קדושים.

צום סוף האָבן די פאַרזאַמלטע מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די שטימעס פון שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן אויף אַ פּלאַטע בעת זייער באַזוך אין לאָס־אַנדזשעלעס אין יאָר 1943.

**נתן שטיינמאַן**

# אַוועק יעקב שייפער

צו אונדז איז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער טויט האָט צוגענומען דעם טייערן, שטילן און באַשיידענעם יעקב שייפער. געשטאָרבן דעם 25־סטן מאַי 2002.

וואָס שטעקט אונטער אַ נאָמען? אַ מענטש, אַ לעבן, אַ געשיכטע איינגעשפינט מיט טויזנט פעדים און געשעעניש־פריידן אוןליידן, דערגרייכונגען און דורכפאַלן. אַ געוועב פון בילדער - ליכטיקע און פינצטערע.

דער באַשיידענער און שטילער יעקב שייפער האָט נישט געהאַט קיין צו לייכט לעבן. געבוירן אין קאָוונע, ליטע, אַדורכגעמאַכט דאָרט די שולן, יידישע יוגנט־באַוועגונגען, איינגעזאַפּט אין זיך טרוימען פון הויכע מענטשלעכע אידעאַלן און יידישע נאַציאָנאַלע געפילן. אַ פאַרליבטער אין יידישן וואָרט, אין יידישן ליד, אין יידישן שאַפונגס־וועג. און דאַן... טרויעריקע יאָרן פון היטלערס ממשלה, דורכגעמאַכט קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַרלאָרן אַלע ליבסטע און נאָך דער באַפרייונג - געבליבן אַליין! און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן שייפערס צוריקגעבוירן ווערן און אַקלימאַטיזירן זיך אין דער נייערווירקלעכקייט. דורך די וועגן און שטעגן פון ליטע, פוילן, ישראל און צום סוף אַמעריקע - ניו־יאָרק און ל.א. קאַליפאָרניע.

דער פיזישער נע־ונד האָט זיך געענדיקט, אָבער די טיפע ווונדן, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָך דעם חורבן, האָבן שטאַרק געווירקט אויף דעם לעבן פון אונדזער טייערן פריינד. שייפער איז אַרויס פון די פייערן מיט אַ שטאַרקן באַשלוס - ווייטער קאָנטינוירן און אַרבעטן פאַר דער יידישער קולטור. ער איז געווען אַ טיף טראַכטנדיקער מענטש, פול מיט ליבע און טיפן ווייטיק...

און די ליבע און ווייטיק זענען ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פלעגן, זוכן און געפינען פאַרלוירענע יידישע לידער־אוצרות, פערל! ער איז געווען אַ זאַמלער פון לידער. אַלטע פאַרגאַנגענע, פאַרלוירענע - געפונען די ווערטער, די מעלאָדיעס, געשיקט זיי אין "ייוואָ" און געברומט אַליין די מעלאָדיעס.

אין יידישן קולטור־קלוב אין ל.א. איז שייפער געווען לאַנגע יאָרן דער סעקרעטאַר און מיטגעאַרבעט מיט משה קאהן, דעם דעמאָלטדיקן איבערגעגעבענעם פאָרזיצער, צוגעהאָלפן צוגרייטן פּראָגראַמען, אַליין פאָרגעלייענט, אָדער פון צייט צו צייט אָנגעשריבן עפּעס פאַר דעם זשורנאַל "חשבון". זיין באַשיידנקייט איז געווען ממש אַ קרענקלעכע. קיין מאָל נישט געוואָלט מען זאָל אים דאַנקען, אָדער אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד. ער איז געשטאַנען אין דער זייט און געטאָן זיין אַרבעט. ער האָט געהערט צו די ערשטע ביכער־זאַמלער פאַר דעם נאַציאָנאַלן ביכער־צענטער. געצערטלט יעדעס בוך, און מיט טרערן עס איינגעפּאַקט און אַוועקגעשיקט. זיין ליבע צום יידישן וואָרט, געשריבענעם און גערעדטן איז געווען לעגענדאַר.

ער איז געווען איינער פון דעם דור פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, פון דעם דור פון יונגע יידישע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן מיט ברען און התפעלות געשפּינט דעם גאָלדענעם פאָדים פון וועלטלעכער יידישקייט און יידישע קולטור.

צו זיין אַוועקגיין - אונדזער כבוד און ליבע, צו זיין מיטבאַגלייטערין אין די לעצטער יאָרן פון זיין לעבן - דאָרען - אונדזערע טיפסטע מיטגעפילן פון טרויער און ליבע.

ל.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

## דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַ ר ב ע ט ע ר   ר י נ ג

**שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע**
**מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.**

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join Now!

**ARBETER RING/**
**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035
(310) 552-2007 **אָדער טעלעפאָנירט**

## דער לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג**

**טשענקין ווייסבערג, פּרעז.**

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן

צו די שרייבערס, אַדמיניסטראַציע

און לייענערס פון "חשבון".

זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין

ביים פאַרשפּרייטן

און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות,

אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע

אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**

בעטעסדאַ, מערילענד

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**הירש, צבי און טאָני**

**צו משפחה, פריינד און מיטגלידער**

**פון יידישן קולטור קלוב**

**שנת ברכה והצלחה**

---

**לעווענטאַל, בעבאַ און לי**

---

**ליינער, שמחה און משפחה**

---

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**

וווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר.
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

**אלי לעווענטאַל - סעק.**

---

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

## סילבער, אַדעל און אייזיק

בעסטע ווונטשן פאַר אַ גוט, געזונט יאָר
שלום אין ישראל און דער וועלט!

---

## בלושטיין שרה

---

## מייזנער לילקע

---

## פּערטשוק טויבע

---

## קאַפּלאַן רחל

---

## ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ –
פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

---

באַלבער מאַרק
באָראָוויק לייב
גאָטעסמאַן,
בעלאַ און איציק
דאָבינס שרה
הענלי מאַשאַ

האָדאַ, זשאַנעט
און טאָבין אַלען
הענדלער,
טרוים און פראַנק
ווייס עדנאַ
וועלטמאַן פראַניע

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

זאַיאָנץ, מיכאל
און וולאַדיסלאַוו

זעלמאַן, קובאַ און אסתר

טאַלעראַנט עמאַ

טשעסנין, פימאַ און רחל

לובין דוד

לעווין, יעקב און רעגינע

מאַלעוויטש, פסח און זעלדע

מיד, בנימין און וולאַדקע

פראָפ׳ מאָסקאָוויטש,
שרה און איציק

סאָסקי,
יוסף און העלען

סטעמפעל טינאַ

סלוצקי, מענדל און רחל

ד״ר פארעל, חיים און ראוז

ד״ר פישמאַן,
בערט און בעטי

ד״ר פישמאַן,
שיקל, געלע און משפחה

פיילי אהרון

פעלנער, פייגע
און מאַראָקאָ משה

פראָפ. פרייקס דזשעראַלד

קרישטאַל שלום

רייך, פנחס שיינדל
און פאַמיליע

שאַפּיראָ, רעי און מאַרטין

שוואַרץ רעניי

שיין, ען און לוסי

שלאָסער נעכע

שווייצער לאה

---

באַסנער יעקב
בורמאַן געניע
גודמאַן קעי
זאַלען, ריטשאַרד און ען
ליפשיץ אסתר
מעלניק, משה און אַדינאַ
פערלסאָן רחל

סאַפּאַדי מיכאלה
קאהן גאָלדי
קאַרפּ־לעווקאָוויטש סימאַ
שטיינגאַרט צירל
שטיינמאַן נתן
שלאָסמאַן לינעט
שקליאַר, משה און דבורה

---

## אַ בריוו
## צום יידישן קולטור־קלוב און "חשבון"

חשובע פריינד,

נעמט אָן מיין באַשיידענעםביישטייער צום אייביקן אָנדענק פון:
דעם זיידן: **אליעזר בן שלום** הי״ד; דער באָבען: **שרה־מלכה־פערל בת אברהם־אליעזר** הי״ד; דער שוועסטער: **מרים בת פינחס** הי״ד; דער שוועסטער: **דבורה בת פינחס** הי״ד
....וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה על קידוש השם
...וואָס דער טאָג פון זייער טויט איז אומבאַקאַנט
...וואָס זענען ניט זוכה געווען צו קבר־ישראל

אייער

**פסח־יונה בן פינחס (מאַלעוויטש)**